אין אַפּריל, 1929, איז דערוויילט געוואָרן דער ערשטער קאָמיטעט פון אונזער ברענטש פאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין. פאָלגנדיקע חברים זיינען דערוויילט געוואָרן אַלס באַאַמטע: חבר גאָלאָבייעוו, פּאָרזיצער; חבר י. זיידמאַן, חבר ריימער, חבר ה. ענגאל, ב. ראָזענפעלד, ה. פּיילס, חברה פּיילס, חברה שיינקערמאַן. א קאָנצערט איז דורכגעפירט געוואָרן און דער ערשטער טשעק איז אוועקגעשיקט געוואָרן אַף דער סומע פון 500 דאָלאַר. פון דאַן האָבן מיר דורכגעפירט יערלאַכע קאַמפּיינס און דער מאָטאָל געלדער, וועלכע מיר האָבן דערגרייכט פאַר דער גאַנצער צייט, באַטרעפט די סומע פון 1,600 דאָלאַר. מיר האָפן אין דער צוקונפט נאָך אויפטאָן מער אַרבעט פאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין און אימער שטאַרקן די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ ישראל.

מיט חבר גרוס,

י. ז י י ד מ אַ ן, סעקרעטאַר.

10 יאָר ארבעט אין יאָנקערס, נ. י.

צום איצטיקן גרויסן יום־טוב דערמאָנט זיך אונז די ערשטע שווערע התחלה, ווען חבר קאָנאָוואל און מיין ווייניקייט זיינען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט נאָך מיט 15 יאָר צוריק מיט דעם פּאַלעסטינער ארבעטער־פאָנד, און די פארגאנגענע 10 יאָר מיטן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.

אַזוי שנעל ווי דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, זיינען מיר גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן צוגעצויגן צו זיך די חברים סעם גינזבורג, אירווינג ספּערלינג, דזשאַנעט נאַווימש און נאָך איניקע, און שפּעטער־צו חבר משה שיפּמאַן, פלעדערבלום, בריסטאָפּסקי, חבר גרענט, און א רייע אַנדערע חברים און פריינט. צוזאַמען האָבן מיר דורכגעפירט דעם ערשטן גרויסן מאַסמיטינג מיט די חברים ברוך צוקערמאַן און א. העמלין. זינט דאַן פירן מיר דורך אונזערע קאַמפּיינס יעדן יאָר. מיר האָבן געהאַט באַ זיך אַלס געסט די חברים חיים גרינבערג, דר. רעבעלסקי, דר. חיים ארלאַזאראָוו, בערל לאָקער, אב. שיפּלאַקאָוו, ישראל מערעמינסקי, מרס. לינדהיים, דוד בלאָך, דר. יורים, און זלמן רובאַשאָוו. דורך די אַלע שליחים האָבן מיר אויפגעקלערט דעם עולם וועגן די שטענדיקע פּראָבלעמען פון דאָס אַרבעטנדע ארץ ישראל און איינגעבירגערט דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין אַלס באַליבטע אינסטיטוציע אין שטאָט. אין מזומנים האָבן מיר פאַר דער גאנצער צייט פון קאַמפּיין איבערגעשיקט די סומע פון 1,739 דאָלאַר.

לעצטנס, מיט דער גרינדונג פון פאַרבאַנד־ברענטש, וועלכער פאַרמאָגט אַ גאַנץ גרויסע צאָל מיטגלידער, האָבן זיך אונזערע פּערספּעקטיוון ווייט אויסגעברייטערט, און מיר האָפן, אַז אין דער צוקונפט וועלן מיר זיין ביכולת צו דערגרייכן נאָך מער רעזולטאַטן און אימער שטיין צוזאַמען מיט אונזערע אַרבעטער חברים אין ארץ ישראל.

ד ו ד ז י י פ ע ר ט, סעקרעטאַר.

א גרוס פון דער ווייטער וועסט

צו דער געלעגנהייט פון 10־יאָריקן יובילעי שיק איך איבער אַ האַרציקע באַגריסונג אין נאָמען פון אונזער גרופּע חברים אין סאַן־פראַנציסקאָ און אוקלאַנד, קאַליפאָרניע. באַ אונז האָט אין סאַן פראַנציסקאָ עקזיסטירט א פּועלי־ציון גרופּע. אין 1915 איז געגרינדעט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער ארבעטער ־ פאַרבאַנד. חברים זיינען געקומען און אָפּגעפאָרן, און צוליב דעם האָט אונזער אַרבעט היפשלאַך געליטן. דאָך, האָבן מיר געזוכט ווי ווייט מעגלאַך מיטהעלפן אין די פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן.

דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז אין די לעצטע 5 יאָר איינגעשלאָסן אין דעם וועלפעיר־פאָנד, וועלכער האָט ביינעשטייערט לערך 750 דאָלאַר יערלאַך. אַפן זעלבן אופן איז אויך איינגעשלאָסן אונזער קאַמפּיין אין אָוקלאַנד מיט אַ קלענערער סומע. מיר האָפן, אַז אויך אַף ווייטער וועלן מיר אָנהאַלטן דעם עמוד־האש פון אונזער באַוועגונג אין סאַן פראַנציסקאָ.

ב אַ ר נ ע ט ג ר י נ ב ע ר ג, סעקרעטאַר.

א באגריסונג פון בר. 280 א. נ. א. פ.

בעלמער בר. 280, אידיש נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד שיקט זיין באַגריסונג צום 10־יאָריקן יובילעי פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין דורכן ארץ ישראל סואוועניר־בוך.

אונזער ברענטש איז אַ יונגער. אונזער 4־יאָריקע עקזיסטענץ מיינט אויך 4־יאָריקע טעטיקייט אַפן געביט פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין, לויט פאָלגענדן אופן: 1930, באַ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, ווערט צווישן אַ פּאָר חברים געשאַפן די סומע פון כרוב 25 דאָלאַר. אין 1931 שאַפן מיר די סומע פון 75 דאָלאַר. אין 1932 ווערן די מערסטע פון אונזערע חברים אַריינגעכאַפּט אין דער נעץ פון אומגעהויער שטאַרקן קריזיס, — אַסיגנירן מיר די סומע פון 50 דאָלאַר. אין 1933 אַסיגנירן מיר ווידער 50 דאָלאַר, און דריקן אויס אַף אַזאַ אופן די ליבשאַפט, וואָס מיר אַלע פילן צו דער אינסטיטוציע. וואָכ



ערשטע רייע (פון רעכטס צו לינקס): מאקס בערמאן, י. בו לער. חברה רעזניק, אלטר בוימאן, חברה א. וויינשטיין, הערי פּרוכט, א. מאקלער, הענרי בוירט.
צווייטע רייע: ד. דזשועט, חברות זאסלאוו, וויינער, בעק, שע רמאן. וויין, ד. ניומאן, שלמה ליטמאן, י. קאָהען.
דריטע רייע: הערי וואקסמאן, ד. בעלייעוו, הענרי האלפּערן.

טשערמאַן פון ערשטן קאַמפּיין איז געווען איינער פון די עלטסטע אידישע כאַציאַליסטן, פּיטער מאַרקוס; חבר הענרי בוירט, סעקרעטאַר (וועלכער האַלט אָן דעם אַמט פאַר די גאנצע צען יאָר); אַלטער בוי־מאַן, ווייס־טשערמאַן, און מ. ביבער, טרעזשורער.

דער קאַמפּיין איז דערעפנט געוואָרן מיט אַ פייערונג פון אַ דריטן סדר, לכבוד די ניזע באַפרייער, די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל, וועלכער איז געוואָרן א יערלאכער צוזאמענקונפט פון אלע סאָציאליס־טיש־ציוניסטישע עלעמענטן און זייערע פריינט באַ אונז אין שטאָט. די געסט צום ערשטן קאַמפּיין זיינען געווען חבר דוד פּינסקי און מאַקס פיין ע"ה.

דעם יאָר 1925 האָבן מיר געשאַפן די סומע פון 900 דאָלאַר; אין 1926 — 1200 דאָלאר; אין 1927 — 1156 דאָלאר; אין 1928 — 2453 דאָלאַר מיט 80 סענט; אין 1929 — 1730 דאָלאַר; אין 1930 — 2346 דאָלאַר מיט 82 סענט; אין 1931 — 1903 דאָלאַר מיט 69 סענט; אין 1932 — 1237 דאָלאַר מיט 43 סענט; אין 1933 — 928 דאָלאַר מיט 7 סענט.

צוזאַמען האָבן מיר געשאַפן דורך די צען יאָר די סומע פון 15,233 דאָלאַר מיט 26 סענט.

אַלס געסט־רעדנער פאַר דער גאַנצער ציים האָבן מיר געהאַט די חברים רובאַשאָוו, רמז, מערעמינסקי, בלאָך, דר. יורים, גאָלדע מאַיער־סאָן, דר. יהודה קויפמאַן, דוד פּינסקי, באַטוויניק, שלאָסבערג, שיפּ־ליאַקאָוו, צוקערמאַן, העמלין, און מאַקס פיין ע"ה, וועלכע האָבן אַלע געהאָלפן צו דערגרייכן און צו האָבן דעם דערפאָלג, וועלכן מיר האָבן געמאַכט.

פאַר די לעצטע זעקס יאָר גיבן מיר אַרויס אַ „פּסח־בלאַט", וועל־כער ברענגט אַריין יערלאַך אַ פאָר הונדערט דאָלאַר, און צו דער זעלבער ציים באַקענט ער דעם אידישן פּראָגרעסיוון עולם מיט דער אַרבעט, וואָס די הסתדרות טוט אין ארץ ישראל.

די קאַמפּיין־באַאמטע דורך דער ציים זיינען געווען: אַלס טשער־ליים — פּיטער מאַרקוס ע"ה, הערי סמיט, מאָריס בערען, אַלטער בוי־מאַן, און מאָריס ביבער. טרעזשורערס — י. לוטש, מ. ביבער, און מאַקס בערמאַן. דער סעקרעטאַר פאַר די אַלע צען יאָר, דער וועלכער האָט בייגעטראָגן די גרעסטע אַרבעט, איז חבר הענרי בוירט. די לעצטע עטלאַכע יאָר איז פּריינט הערי פינבערג דער געהילף־סעקרעטאַר. די ווינציקע אַרבעטער פאַר דער ציים זיינען: א. מייקליר, ליטמאַן, קאָר־מאַן. ד. בעלישאָוו, בולער, ראָבערטס.

יעדן ערשטן מאַי פירן מיר אויך דורך אַ בלומען־טאָג, וועלכער ברענגט אַריין אַ פאָר הונדערט דאָלאַר. די לעצטע עטלאַכע יאָר איז חבר ארטור וויינשטיין דער טשערמאַן פון בלומען־טאָג.

דער קורצער באַריכט קען ניט פאַרענדיקט ווערן ניט דערמאָנענדיק די וואונדערבאַרע אַרבעט פון חבר אב. העמלין, דער דירעקטאָר פאַר ניו־ענגלאַנד. עס איז אויך ווערט צו פאַרצייכענען די אַרבעט אין אונזערע שכנה'שע שטעטלאַך. דאָס ערשטע קומט פּ אָ ט אָ ק ע ט.

אַן ערך 25 הונדערט דאָלאַר איז געשאַפן געוואָרן אין דעם קליי־נעם שטעטל. די אַרבעט איז תמיד דורכגעפירט געוואָרן דורכן אַרבע־טער־רינג ברענטש, וועלכער איז דער איינציקער ראַדיקאַלער עלעמענט, וואָס פאַרשטייט און שאַצט אָפּ די אַרבעט פון אונזערע חברים אין ארץ ישראל. די אַקטיווע טוער זיינען: הערי פּרוכט, י. הערענפּרוכט, י. קאָגען, י. בוירגער און אַנדערע.

נ י ו פּ אָ ר ט. די אַרבעט אין ניופּאָרט איז פאַר עטלאַכע יאָר דורכגעפירט געוואָרן רעגלמעסיק און זיי האָבן געשאַפן יעדעס יאָר א ביסל געלט, מיט חבר מאקס קוזניץ אלס פירער. זיי האָבן געהאַט אַ הפסקה אַף אַ פאָר יאָר, אָבער לעצטן יאָר האָט זיך חבר קוזניץ גענומען נאָכאַמאָל צו דער אַרבעט, און האָט ווידער געשאַפן אַביסל געלט.

ו ו א ו נ ס אַ ק ע ט. דאָ האָבן מיר געהאַט אין ב. סאלאָמאָן און הערשל בוט אמת'ע פריינט פארן געווערקשאַפטן קאַמפּיין, און זיי האָבן געשאַפן עטלאַכע הונדערט דאָלאַר. די לעצטע צוויי יאָר האָבן זיי געמאַכט אַ הפסקה, אָבער זיי זיינען פאַרבליבן די פריינט, און וועלן זיכער טאָן די אַרבעט, ווען דער רוף וועט היינטיקס יאָר גע־געבן ווערן.

אַ ל ט ע ר ב ו י מ א ן.

---

10 יאָר קאַמפּיין פון מערב קענעדע

פון ב. צוקערמאַן (סאַסקאַטון)

יעדע פאָלקס־באַוועגונג מוז דורכמאַכן חבלי־לידה, ווייל קיין בלו־מען זיינען נישט אויסגעשפּרייט אַף די גלות־וועגן, וואָס פירן צו אונ־זער ציל. עס האָט זיך געפאָדערט גרויס עקשנות און מסירות נפש אַריינצודרינגען אין די פאָלקס־מאַסן און איבערצייגן זיי, דאָס אונזער ווערק אין ארץ ישראל מוז באַקומען די ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי פאַרדינט.

די אַרבעט באַ אונז דאַרף געפירט ווערן אַף זייער אַ גרויסן שטח, פון ווינניפּעג ביז וואַנקואווער, אַ שטרעקע פון 2½ טויזנט מייל, וואו די אידישע ישובים זיינען נישט קיין גרויסע, אַן ערך 2½ טויזנט משפחות, ווינניפּעג נישט אַריינגערעכנט. און ווען מיר מאַכן איצט אַ חשבון הנפש, צי האָט זיך געלוינט אַזויפיל קרבנות פון איינצלנע טוער, קאָנען מיר געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער: יאָ, עס האָט זיך גע־לוינט. ארץ ישראל איז גאַנץ טיף אריינגעדרונגען אין אונזער באַ־וואוסטזיין. די „הסתדרות" איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערק־זאַמקייט באַ אונזערע מערב־קאַנאַדער אידן. אַף אונזערע בויער קוקט מען מיט יראת הכבוד. און ווייל מיר געפינען זיך אין מערב־קאַנאַדע, וואו די שפּורן פון די פּיאָנערן זיינען נאָך נישט פאַרשוואונדן, דאריבער ווייסן מיר ווי אָפּצושאַצן אונזערע חלוצים אין ארץ ישראל.

נאָך אַ סיבה פאַר די טיפע וואָרצלען, וואָס אונזער פּראָפּאַגאַנדע האָט איבערגעלאָזט אין מערב־קאַנאַדע איז, ווייל אונזערע אידן פון די ברייטע פּרעירים זיינען נישט אַזוי פאַרהאָרעוועט. זיי האָבן גענוג ציים זיך פאַרטראַכטן אין אידישע באַוועגונגען, און מערסטנטייל זיינען זיי אַליין געווען אמת'ע האָרעפּאַשניקעס. דערפאַר פאַרשטייען זיי טאַקע וואָס עס מיינט בויען אַ לאַנד מיט אייגענע הענט. דעריבער איז טאַקע אַזוי יום־טוב'דיק ווען עס קומען צו אונז די הסתדרות־שליחים און ברענגען אונז אַ גרוס פון שאַפן און בויען. עס איז געוואָרן אַ טראַ־דיציע אין אונזערע קאַמפּיינס, אַז מען קומט צו די באַנקעטן מיט שמחה, צו שטאַרקן די האַנט וואָס בויט אַ אידיש לאַנד.

פרויען־דיוויזשאן

אין אונזער לעצטן קאמפיין האבן מיר געהאט א פרויען דיוויזשאן, וועלכע האט פיל מיטגעהאלפן אין דער ארבעט, און האט געשאפן פיר הונדערט דאלאר. אין דעם איצטיקן קאמפיין איז אונז געלונגען צו ארגאניזירן א גרעסערע צאל פרויען. די דיוויזשאן ארבעט זייער ענערגיש און באגייסטערט, און העלפט זייער פיל צו שאפן שטימונג און פראקטישע רעזולטאטן אין דער ארבעט פון קאמפיין. זייער ערשטע אקציע איז געווען א זאמלונג אין די סטארס, וועלכע האט אריינגעבראכט הונדערט דאלאר. מיטוואך, דעם 25טן אקטאבער, איז פון זיי דורכגעפירט געווארן א פעסטיוואל דענס, אין דארטשעסטער מענאר. זיי גרייטן אויך צו א רייע אונטערנעמונגען אין פריוואטע היימען, און וועלן פארענדיקן זייער קאמפיין אקטיוויטעט מיט א מיניאטור באזאר. די באאמטע פון דער דיוויזשאן זיינען: אדעט ענטין, טשערליידי; איוו סטערמאן און פאלי שאפירא, וויים־טשערליידים; סילי סטערמאן, טרעזשורער; סאניע ציפערשטיין, סעקרעטארין; און דזשעני העמלין, טשערליידי פאר סטאר־זאמלונגען. אין דער קאמיטע זיינען אקטיוו: סעער בלאסבערג, ליליען קאהען, פעני מאלדאוו, פעני ווייגער, בעסי אלבערט, סערע בלום, קלארא ענטין, פעני פרידמאן, יהודית גלאדסטאן, פעני גראסמאן, ראוז גראסמאן, פעני האלפערן, סערע לעפקאוויטש, איידא לעווין, איווא מאגנעט, פערל ראשיש, רבקה סיגעל, איווא סטאר, בערטא ווייגבערג, און סערע וועהיט.

די קאמפיינס אין די שטעטלאך ארום באסטאן

די שטעטלאך ארום באסטאן האבן אין אלע קאמפיינס צוגעטראגן א גאנץ גרויסע סומע. די באריכטן ביז איצט זיינען זייער דער־מוטיקנדיקע, און עס איז צו דערווארטן, אז די חברים און פריינט אין יעדער שטעטל וועלן מאכן די געהעריקע אנשטרענגונג צו שאפן וואס מער געלט אין דעם היי־יאריקן קאמפיין.

מאלדען: אונזער קאמיטע אין מאלדען פארענדיקט שוין איצט דעם קאמפיין. אויסער דער הויז־צו־הויז זאמלונג און דעם באזוך פון יחידים, האבן זיי אויך דורכגעפירט א גרויסן קאנצערט נאר דעם קאמפיין. די באאמטע פון דער קאמיטע זיינען: הערי קאטין, טשערמאן; א. לייבעס און ט. קליינמאן, וויים־טשערלייט; ה. סיל־ווערמאן, טרעזשורער; טשארלס פרידמאן, אסאשיאייט טרעזשורער; מאשא אפעל, רעק. סעקרעטאר; און ליבי לעווין, פינאנס סעקרעטאר.

טשעלסי: די הויפט־טוער אין טשעלסי זיינען מאקס לעווין און א. בארמאק. די חברים פון פארבאנד און פיאנערן פרויען ארגאניזאציע האבן נאך ביז איצט גאר ווייניק געטאן פאר דעם קאמ־פיין, און דאס איז זייער פארדריסלאך, ווייל אזא גרויסע אידישע שטאט ווי טשעלסי האט געקאנט געבן א גאר גרויסע סומע ווען מיר וואלטן דארט געהאט גענוג טוער. אבער ניט קוקנדיק אף דעם, ווערט די ארבעט אנגעפירט. זונטיק, דעם 5טן נאוועמבער, איז געווען א צווייטע הויז־צו־הויז זאמלונג, און עס זיינען אויך באזוכט געווארן א צאל איינצעלנע. די ארבעט ווערט פארגעזעצט ווערן ביז דער קאמפיין; ווערט פארענדיקט ווערן אין באסטאן.

לין: די חברים פון פארבאנד ברענטש אין לין איז געלונגען צוציען צו דער ארבעט א צאל פריינט, וועלכע האבן דערמעגלאכט אז דער קאמפיין אין לין היי־יאר זאל זיין דער דערפאלגרייכסטער. זיי האבן דורכגעפירט א הויז־צו־הויז זאמלונג און באזוכט א גרויסע צאל יחידים. איבעראל זיינען זיי אויפגענומען געווארן זייער פריינט־לאך. די באאמטע פון קאמפיין זיינען: ד. פיוועזינסקי, טשערמאן; דר. מ. אנשין, טרעזשורער, און פרענק פערל, סעקרעטאר.

פיראדי: די ארבעט ווערט געפירט פון דעם ארבעטער רינג ברענטש 940. מיט דער אקטיווער פירערשאפט פון חבר ראזענפעלד. זיכער וועט דער ברענטש און אונזערע פריינט מאכן די געהעריקע אנ־שטרענגונג צו טאן אלץ מעגליכעס פאר דעם קאמפיין היי־יאר.

הייווערהיל: אין הייווערהיל ווערט די ארבעט אנ־געפירט דורך דער ליג פאר דאס ארבעטנדע ארץ ישראל. און ווי עס אינפארמירט אונז חבר לעוו, דער סעקרעטאר פון דער ליג, מאכן זיי פארבארייטונגען צו אנפירן א גאר גוטן קאמפיין.

לאורענס: דער ארבעטער רינג ברענטש פון לאורענס האט דערוויילט א קאמיטע פון זיבן טוער צו אנפירן אונזער קאמפיין דארט. מיט דער נויטיקער ארבעט קאן אין לאורענס געשאפן ווערן עטלאכע הונדערט דאלאר. און מיר זיינען זיכער, אז אונזערע חברים און פריינד וועלן דעם קאמפיין דורכפירן מיט דער נויטיקער באַ־גייסטערונג.

לאועל: אונזער פריינט מאקס ווייגבערג, וועלכער איז אונ־זער הויפט־קאמפיינער אין לאועל, גרייט זיך שוין פאר דער ארבעט. ערשט ניט לאנג האט ער אפגעשיקט אין הויפט־אפיס 180 דאלאר, און דעם 6טן נאוועמבער האבן זיי געהאט אן אינטערעסאנטע פארזאמלונג, וואו קאמפיין־פלענער זיינען אויסגעארבעט געווארן.

וואלטהעם: דורך דער הילף פון אונזער חבר און פריינט דייוו ביטשער, איז געשאפן געווארן פארן קאמפיין הונדערט דאלאר.

איך וויל צום שלוס פון מיין באריכט באגריסן אלע אונזערע קאמפיין־טוער פאר דער גרויסער איבערגעבנקייט, וואס זיי ווייזן ארויס אין דער ארבעט. מיט אזוי פיל איבערגעגעבענע טוער מוז אונזער ארבעט געקרוינט ווערן מיט דערפאלג.

באאמטע און מיטגלידער פון דער אדמיניסטראטיווער קאמיטע, באסטאן, מאסס.:

באסטאן, מאסס.:

אסקאר סטערמאן, ניו־ענגלאנד טשערמאן
אהרן ס. מאלדאו, טשערמאן פון קאמפיין אין באסטאן
פרענק גראסמאן, טרעזשורער
סעמועל מאנאסטער, אסאשיאייט טרעזשורער
מאריס טוביאש, טשערמאן פון אדמיניסטראטיווער קאמיטע
יצחק קאגאן, סעקרעטאר
אב. העמלין, דירעקטאר.

וויים־טשערלייט: בעסי אלבערט, סעמועל אלבערט, דר. מ. אנשין, אב. בארמאק, דזשעק בלום, אידעט ענטין, דזש. גלאד־סטאן, מאריס קאמצעף, דזשוליום לעווין, דר. אנא יינטש.

אדמיניסטראטיווע קאמיטע: וויליאם באקסט, אב. קאהען, מאקס גאלדבערג, מאריס גארדאן, דוד גראסמאן, י. קאגאן, מאקס ניגראש, פיליפ פאטאש, וויליאם ראזין, אלעקס שא־פירא, דוד שאפירא, מאקס סטערמאן.

פראווידענס, ר. א.

א קליינער שטאט מיט גרויסע רעזולטאטן.

ווען דער ערשטער רוף איז געגעבן געווארן פון די אידישע גע־ווערקשאפן, צו העלפן די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל, האבן די חברים פון די היגע פועלי־ציון און אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פאר־באנד זיך באלד אפגערופן און ארגאנזשירט די ערשטע קאנפערענץ פון די ראדיקאלע און פראגרעסיווע ארגאניזאציעס. אלע 18 ארגאני־זאציעס, וועלכע מען האט געלאדן, האבן געשיקט פארטרעטער. צווישן די דעלעגאטן זיינען געווען די ערשטע אידישע סאציאליסטן, וועלכע האבן געווארט אף דער געלעגנהייט צו טאן זייער חוב פאר די אידישע ארבעטער, וועלכע בויען אן אמת־סאציאליסטיש לעבן. זייער קומען איז געווען ניט נאר יוצא צו זיין, נאר זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט און האבן געהאלפן מאכן דעם ערשטן קאמפיין פאר א דערפאלג, שאפנדיק די סומע פון 1,377.44 דאלאר.

הויז־צו־הויז זאַמלונג

די זאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 8טן אָקטאָבער, מיט יודל לעווין אַלס טשערמאַן פון דער קאָמיטע. עס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דריי הונדערט וואָלונטירס, מערסטנס יוגנטלאַכע, וועלכע האָבן געשאַפן 720 דאָלאַר. פון גרויס באַדייטונג איז די אויפקלערונג־אַרבעט, וואָס ווערט יענעם טאָג אָנגעפירט, און דאָס וואָס אונזער וואָרט ווערט געבראַכט צו טויזנטער אידישע היימען. עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די גרויסע איבערגעבנקייט וואָס עס האָבן אין דער זאַמלונג אַרויסגעוויזן די מיטגלידער פון השומר הצעיר, יונגע פועלי ציון, און סטודענטן פון היברו קאָלעדזש. די זאַמלונג וועט נאָך פאַרגעזעצט ווערן אין טשעלסי, עווערעט און קיימברידזש.

יוניאָנס

די אידישע יוניאָנס פון באָסטאָן האָבן אין אַלע אונזערע קאַמפּיינס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, און פאַר דעם איצטיקן קאַמפּיין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע טרייד־יוניאָן קאָמיטע, מיט דזשעק בלום, מענעדזשער פון דער אַמאַלגעמייטעד, אַלס טשערמאַן. ביז איצט איז שוין געשאַפן געוואָרן 5 הונדערט דאָלאַר. אין אַלע שניידערשעפער אונטערן קאָנטראָל פון דער אַמאַלגעמייטעד ווערן איצט אָנגעפירט שאַפּ־זאַמלונגען, און ניט נאָר אידישע אַרבעטער, נאָר אויך אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן רופן זיך זייער וואַרים אָפּ. די אמאלגאמייטעד קאָמיטע האָט אויך דורכגעפירט א גרויסע קאַמפּיין־פאַרזאַמלונג, מיט יוסף שלאָסבערג אַלס רעדנער, און אָנגענומען אַ קוואָטע פון פינף הונדערט דאָלאַר. די גאַנצע אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון אַ קאָמיטע מיט פאַרטרעטער פון אַלע לאָקאַלן, מיט ל. לייבאָוויטש אַלס טשערמאַן און ניין בילער אַלס סעקרעטאַר. עס זיינען אויך באַזוכט געוואָרן די דזשאָינט באָארד און לאָקאַלן פון די קלאָוקמאַכער, און זיי האָבן פאַרשפּראָכן צו געבן זייער פולע קאָאָפּעראַציע. זאַמלונגען ווערן אויך אָנגעפירט אין די רעינקאָוט שעפער, אונטער דער אויפזיכט פון לאָקאַל 24. די ניוס קעריערס יוניאָן האָט שוין באַשלאָסן צו געבן איר ביישטייערונג. קירצלאַך וועלן אויך באַזוכט ווערן די אַנדערע אידישע יוניאָנס אין שטאָט.

אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי ציון

די קאָמיטע צו אָנפירן דעם קאַמפּיין אין די בראַנטשעס פון פאַרבאַנד און פועלי ציון מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו איבערשטייגן זייער אָנגענומענע קוואָטע פון פינף הונדערט דאָלאַר, און די חברים זיינען שטאַרק באַשעפטיקט ניט נאָר מיט דער אַרבעט אין זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך מיט דעם וואָס זיי נעמען זעלבסטפאַרשטענדלאַך א גאָר אַקטיוון אָנטייל אין דער אלגעמיינער אַנפירונג פון קאַמפּיין. די פאָלגענדע באַריכטן האָט דער אָפיס דערהאַלטן ביז איצט: בראַנטש 200 האָט באַשלאָסן צו ביישטייערן 250 דאָלאַר; און ווייסנדיק די איבערגעבנקייט פון די בראַנטש־טוער מיט חבר גלאַדסטאָן אָן דער שפּיץ, וועלן זיי געוויס איבערשטייגן די סומע. בראַנטש 27 האָט פאַרשפּראָכן הונדערט דאָלאַר, און אויך זיי מאַכן אַ פאַרזוך צו שאַפן מער. בראַנטש 2 פועלי ציון האָט פאַרשפּראָכן הונדערט דאָלאַר, און בראַנטש 179 האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ באַדייטנדיקע סומע.

אַרבעטער רינג

די בראַנטשעס פון אַרבעטער רינג ווערן איצט באַזוכט, און דער אָפּרוף איז זייער אַ וואַרימער. ביז איצט זיינען באַזוכט געוואָרן די פאָלגנדע בראַנטשעס: 666, 705, 709, 736, 904, 918, 924 און 925, און יעדער בראַנטש האָט באַשלאָסן צו ביישטייערן פאַר דעם קאַמפּיין. די אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון אַ גרויסער קאָמיטע, מיט ה. קאַמץ אַלס טשערמאַן און ווּם. באַקסט אַלס סעקרעטאַר, און אין פרלויף פון די קומענדיקע וואָכן וועלן אויך באַזוכט ווערן די אַנדערע אַרבעטער רינג בראַנטשעס אין דעם געגנט.

סאָס עטיס און לאַנדסמאַנשאַפטן

מיטגלידער פון קאַמפּיין־קאָמיטעט האָבן פאַר די לעצטע פאַר וואָכן באַזוכט אַ גרויסע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן און סאָסייעטיס. איבעראַל זיינען אונזערע קאָמיטעס וואַרים אויפגענומען געוואָרן, און יעדע אָרגאַניזאַציע האָט פאַרשפּראָכן צו געבן איר ביישטייערונג.

קאָמיטע פאַר גרעסערע ביישטייערונגען

אַ גרויסע צאָל קאַמפּיין־טוער זיינען אַקטיווער אין דער דאָזיקער קאָמיטע, וועלכע האָט אויך אין די פריערדיקע קאַמפּיינס צוגעטראָגן כמעט האַלב פון דער גאַנצער געשאַפענער סומע. הייאָר ווערט געמאַכט אַן ענערגישער פאַרזוך צו אַקטיוויזירן וואָס מער פריינט און טוער צו קריגן גרעסערע ביישטייערונגען. די באַאמטע פון דער קאָמיטע זיינען: אָסקאר סמערמאן, טשערמאן; און מאָריס גאָרדאָן, וויים־טשערמאַן. דער אָנהויב פון דער אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן באַ אַ לאָנטשעאָן, מיט יוסף שלאָסבערג אַלס גאַסט־רעדנער. עס זיינען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אייניקע פאַרלאָר־פאַרזאַמלונגען, וואו עס זיינען דיסקוטירט געוואָרן קאַמפּיין־פּלענער, און עס זיינען געהערט געוואָרן באַריכטן פון די טוער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעט פון די איינצעלנע טוער זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן די פאָלגענדע קאַמפּיין־דיוויזשאָנס:

מאַרקעט דיוויזשאָן: אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון חבר חיים קאָהען, זיינען אין דער דיוויזיע אקטיוויזירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל טוער וועמען עס קומט אויס צום ערשטן מאָל צו אַרבעטן אין אונזער קאַמפּיין; און ביז איצט זיינען זיי שוין געווען דערפאָלגרייך אין שאַפן א גאַנץ גרויסע סומע געלט. די באַאַמטע זיינען: אַלעק לאָדזשען, טשערמאַן; היימאַן קאָהען, וויים־טשערמאַן; מ. האַרק, סעקרעטאַר, און מאָריס אַלפּערט, טרעזשורער. די אַקטיווע מיטגלידער פון דער קאָמיטע זיינען: קאַרל בלאַסבערג, מאַקס ווהייט, א. לייבעס, דזש. סלאָבאָדקין, עדי רוד, הערי פּייערסטאָן, אייב לאָדזשען, מאָריס רוטפעלד, נייטען קעדיש, א. געלער, מ. ליכטער, ס. הורוויטש, א. עדוואַרדס. אַרטור הורוויטש איז טשערמאַן פון די ריטעיל סטאָרס.

רעינקאָוט דיוויזשאָן: די טוער פון דער רעינקאָוט דיוויזשאָן האָבן אויך אין די פריערדיקע קאַמפּיינס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. דייוויד שאַפּיראָ איז טשערמאַן פון דער קאָמיטע און מאָנאַסאָן, טרעזשורער.

קלאָדינג דיוויזשאָן: ווי אין די פריערדיקע קאַמפּיינס אַזוי אויך הייאַר, ווערט אָנגעפירט די אַרבעט פון דער דאָזיקער דיוויזשאָן דורך אַלעק שאַפּיראָ, מאָריס גאָרדאָן און מאָריס שאַפּיראָ. זיי דערוואַרטן צו שאַפן אַ גרעסערע סומע אין דעם איצטיקן קאַמפּיין. אויסער די אויבנדערמאָנטע טריידס, ווערט אָנגעפירט אַן אַקטיוויטעט אין דער שוך־אינדוסטריע, לאָונדרי, א. אַז. וו.

לערער און קינדער פון די שולן: די אגודת המורים פון באָסטאָן האָט באַ איר לעצטער פאַרזאַמלונג אָנגענומען אַן איינשטימיקן באַשלוס צו באַטייליקן זיך אין קאַמפּיין, און אַ באַזונדער קאָמיטע פון די לערער ל. האָכבערג, מ. הילסאָן און א. ראַשיש, זיינען דערוויילט געוואָרן צו פּראָקלאַמירן אַ הסתדרות־וואָך אין אַלע העברייאישע שולן, וואו די קינדער זאָלן אויפגעקלערט ווערן וועגן דער אַרבעט אין ארץ ישראל, און יעדער קינד זאָל געבן זיין ביישטייערונג פאַר אונזער קאַמפּיין. עס איז קלאָר, אַז אויסער די געלט וואָס וועט פון דעם אַריינקומען, איז די אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די קינדער פון גרויס וויכטיקייט פאַר אונז.

10 יאָר טעטיקייט איבערן לאַנד פאַר דאָס ארבעטענדע א״י

אונזער קאמפּיין אין באָסטאָן

פון אב. העמלין

דורך די פאַרגאַנגענע צען יאָר האָט באָסטאָן באַוויזן צו גיין אין די פאָדערשטע רייען פון אונזער אַרבעט און צו דינען אלס גלענצנדער ביישפּיל פאַרן גאַנצן לאַנד, און דער ערפאָלג פון אונזערע קאַמפּיינס דאַרף ניט גערעכנט ווערן בלויז אין די גרויסע סומען געלט וואָס זיינען פון אונזער געשאַפן געוואָרן, נאָר הויפּטזאַכלאַך אין דעם, וואָס עס איז אונז געלונגען צו אַרומרינגלען אַרום קאַמפּיין די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלאַכע טוער פון שטאָט און אויך אַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין דעם ערשטן קאַמפּיין האָבן מיר געשאַפן 3,800 דאָלאַר, און פון יאָר צו יאָר זיינען געשאַפן געוואָרן גרעסערע סומען, און דורך די פאַרגאַנגענע ניין קאַמפּיינס איז פון באָסטאָן אָפּגעשיקט געוואָרן אין הויפּט־אָפּיס 67,500 דאָלאַר. איצט, ווען איבערן לאַנד ווערן געמאַכט פאָרבאַרייטונגען פאַר דעם צענטן קאַמפּיין, איז שוין באַ אונז די אַרבעט כמעט ווי געענדיקט, און די באָסטאָנער דעלעגאַציע וועט שוין האָבן דעם כבוד צו קאָנען איבערגעבן צו דער קאָנווענשאָן גאָר אַ גרויסן טשעק, ווייל דער היי־יאָריקער קאַמפּיין איז דער דערפאָלג־רייכסטער, און די באָסטאָנער טוער האָבן די אַרבעט אָנגעפירט מיט גרויס באַגייסטערונג און איבערגעבנהייט.

איך רעכן, אַז עס איז וויכטיק צו איבערגעבן אין קורצן ווי אַזוי דער היינטיקס יאָריקער קאמפּיין אין באָסטאָן ווערט געפירט: באַ אונ־זער קאָנפערענץ זיינען געווען פארטראָטן 56 אָרגאניזאציעס, און די עקזעקוטיווע פון 120 פערזאָן האָט פון זיך אויסגעטיילט פאָלגנדע קאָמיטעס צו אָנפירן די אַרבעט:

בעאַמטע און מיטגלידער פון דער אדמיניסטראַטיווער קאָמיטע פון באָסטאָן

רעכטס צו לינקס זיצנדיק: בעסי אלבערט, מאָריס טוביאש, מישערמאן אדמ. קאָמ.; אב. העמלין, ד״ר.; אהרן ס. מאלדאָוו. קאמפּיין טשערמאן; פריינק גראָסמאן, טרעזשורער; סעם מאָנאסטיר, אסס'ט טרעזשורער; יצחק קאגאן, 'סעק.; מאָריס קאמצער. צווייטע רייע: אב. בארמאק, ווּם. ראזין, פיליפּ פּאָטאש, דזשעק בלום, דייוו גראָסמאן, דייוו שאפּיראָ, אידיט ענטין. דריטע רייע: אב. לייבעס, דזשוליוס לעווין, סעם אלבערט, אב. קאהען, הערי קאַט , מאקס גאָלדבערג, וויליאם באקסט. עס פעלן אין דער בילד: אָסקאר סטערמאן, נ. ע. טשערמאָן; דר. מ. אנשין, דזש. גלאָדסטאָן. דר. אנא מינטין, אלעקס שאפּיראָ, מאקס ניגראש, מאָריס גאָרדאָן, י. קאגנא, מאקס סטערמאָן.

ס'האט זיך געלוינט!

ס'איז שווער אפּצושאצן אונזער ארבעט פון די לעצטע יארן, ווי א פרעמדער וואלט עס געקאנט טאן.

זיינען מיר דאך אינם קאך פון דער ארבעט, זיינען מיר דאך די יעניקע, וואס טרייבן זיך און אנדערע יאר־איין, יאר־אויס צו דערגרייכן גרעסערע רעזולטאטן פאר דער ארץ־ישראל'דיקער אר־בעטערשאפט.

קאן דעריבער פון אנדערע אויסגעטייטש ווערן, אז מיר זינגען זיך שבחים, ווייל מיר זיינען אין דעם אריינגעטאן.

ווי איז אבער דער אמת? — אנגעפאנגען דעם פאלעסטינע ארבעטער־פאנד אינ'ם פועלי־ציון וועלט—דורך גראשנס, דורך סענטן, דורך קליינינקע זאמלונגען. אפילו קיין השגה ניט געהאט, אז ס'קאן ווערן גרויסע זאכן דורך די „קליינינקייטן“.

געארבעט פאר די ארבעטער־פאנדן אין א וועלט, וואס איז געווען פרעמד — און געגנעריש. א סך פון די איצטיקע פריינט זיינען דאן געשטאנען אין געגנערישע לאגערן.

דער דראנג, די נויט, די עקשנות — אז מיר מוזן אליין שאפן, אליין בויען, אליין איינהיטן אונזערע פאזיציעס, האט אונז געטריבן צו פארשפרייטן און פארנעמען גרעסערע פאזיציעס סיי דא און סיי אין ארץ־ישראל.

און ס'דוכט זיך, אז ס'איז קיינמאל קיין „קליינינקע“ זאמלונגען ניט געווען, קיין גרויסע אונטערנעמונגען ניט גע־חלומט, אז ס'איז געקומען אלץ נאטירלאך — — און איצט זעט עס אויס נאטירלאך, ס'פארשווינדן פון זכרון אפילו די איינ־דרוקן פון אמאל, פון די קאמפן, פון די באקעמפונגען, וועלכע שווערע טעג און נעכט פון אינערלאכע גייסטיקע פייניקונגען מען איז דורכגעגאנגען מיט זיך אליין, מיט איינענע ספקות צי ס'לוינט זיך, צי ס'וועט זיך לוינען די אלע שווערע איבער־מענטשלאכע אנשטרענגונגען...

וויפיל בילדער פון פערזאנען טייערע, ליבע; וויפיל ביל־דער פון ארבעטן, וויפיל פרייד און טרויער מ'איז דורכגעגאנגען — ביז צו דער באשאפונג פון דעם געווערקשאפטן־קאמפיין.

זאלן די אלע, וועלכע האבן נאך דעם כח צו דערמאנען זיך טעג פונם פאלעסטינע ארבעטער־פאנד, די פארשיידענע אקציעס ארום דעם פאנד, זיך באגריסן און הארציק אויסרופן, אז — ס'האט זיך געלוינט!!

ס. באנטשעק.

סאציאליסטישע און ארבעטער איינקייט

באגריסונגס־ווארט פון ברודער אהרן וויינגארטען, דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל קעפּ און מילינערי ווארקערס יוניאן.

מיט פרייד האב איך געלייענט, אז מען גייט שוין פייערן דעם 10־יאריקן יובילעאום זינט עס איז ארויסגעלאזן געווארן דער ערשטער הייליקער רוף פון די געווערקשאפטן צו מיטהעלפן די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל. דאכט זיך, אט ערשט איז עס געווען, אבער וואס פאר א מערקווירדיקער פארשריט עס איז געמאכט געווארן פאר דער צייט, סיי דא און סיי אין ארץ ישראל.

ווען דער ערשטער רוף איז ארויסגעלאזט געווארן האבן מיר דאן אונזערע אויערן ניט געגלויבט און זיך אליין געפרעגט, צי עס איז מעגלאך, אז פון דארט, וואו עס האט אמאל געהערשט די שטארקסטע געגנערשאפט, זאל קומען אט דער געטלאכער, הייליקער רוף. איך האב אימער ליב געהאט די געווערקשאפטן אלס די קערפערשאפט פון די אידישע יוניאנס, אבער זי איז בא אונז טויזנט מאל טייערער געווארן זייט זי האט ארויסגע־לאזן יענעם הייליקן רוף צו פארברידערונג מיט אונזער ארבע־טער אוואנגארד אין ארץ ישראל.

אונזער קאפּענמאכער יוניאן, פאר וועלכער איך האב דעם כבוד צו ארבעטן די מערסטע יארן פון לעבן, מיט איר געשעצ־טער פירערשאפט, זיינען בא אונז אין די אויגן געשטיגן טויזנט מאל העכער זייט דעם וואס זיי זיינען געווען די ערשטע זיך אנצושליסן אן דער נאבעלער און הייליקער ארבעט.

איך באגריס אייך אין מיין נאמען און אין נאמען פון קאפּענמאכער יוניאן לאקאל 1 און דריק אויס מיין האפנונג, אז עס וועט נאך אין גיכן קומען די צייט ווען עס וועלן זיך צו־זאמענקומען אלע דערוויל פארשטויסענע און פארלארענע ברי־דער אונזערע פון „בונד“, פון סאציאליסטישן פארבאנד, און פון אלע געגנערישע פארטייען און זיך שטעלן מיט אונז אין איין רייע צו העלפן פארווירקלאכן די אידישע פרייהייט אין דעם לאנד פון דער אידישער צוקונפט, אויף דעם באדן פון אר־בעט און סאציאליזם.

פון דער פיאנערן פרויען ארגאניזאציע

מיט באזונדערע געפילן פון פרייד באגריסן מיר דעם גע־ווערקשאפטן קאמפיין קאמיטעט צו זיין 9 יערלאכן צוזאמענפאר און זיין 10 יאריקן יובל.

צו דער געלעגנהייט וויל די נאציאנאלע עקזעקוטיווע ווידער אמאל פארזיכערן איר הארציקסטע און חברישסטע קאאפּעראציע אין דער ארבעט פאר דער הסתדרות, פון וועלכע זי באטראכט זיך אלס אן איינגער גליד דורך איר פארבינדונג מיט דעם ארבעטער פרויען־ראט פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל.

די רעזאלוציעס לטובת דעם געווערקשאפטן קאמפיין, אנגע־נומען בא אונזערע קאנווענשאנס זיינען אן ערנסטער פאר־שפרעכן פאר פארשטארקטער מיטארבעט סיי אין די קאמפיינס, סיי אין דעם נייעם שריט פון דער גרינדונג פון ליגעס פאר דאס ארבעטנדע ארץ ישראל. די נאציאנאלע עקזעקוטיווע דרקט דערמיט אויס די האפנונג פון אלע פיאנערן קלובן איבערן לאנד פאר א גרויסן נצחון אין אונזער בשותפות'דיקער ארבעט פאר אונזער געמיינשאפטלאכן אידעאל.

מיט הארציקן גרוס,

די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער פיאנערן פרויען ארגאניזאציע.

דער געווערקשאפטן קאמפיין אלס נאציאנאל־קולטורעלער פאקטאר

פון פ. קרוזא

בלעטערט מען דורך אין זכרון די קאלירפולע קאפיטלען און פארצווייגטע ארבעטס־פארמען פון אונזער אקציע פאר דאס ארבעטנדע ארץ ישראל אין משך פון די לעצטע 10 שטורמישע יארן, אנטפלעקט זיך פאר אונז א הערלאך בילד פון געוואגטע און קאנסטרוקטיווע מעשים, וועלכע האבן שטענדיק באגלייט די אנפירונג און דורכפירונג פון דער היסטארישער שליחות.

אפן שווערן וועג פון זיין אנטוויקלונג און פון זיין כסדרדיקן שטייגן, האט דער געווערקשאפטן קאמפיין, אויסער דער פאנדן־זאמלונג, טריי געדינט דעם נאך גרעסערן ציל: צו פארשפרייטן אויפקלערונג און שאפן פארשטענדניש פאר דעם אמתן כאראקטער, אינהאלט און באשטרעבונג פון דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין ארץ ישראל.

און באדייטנד ווי עס זיינען די דערגרייכונגען פונם געווערקשאפטן קאמפיין אפן פינאנציעלן געביט, איז זיין קולטורעל־דערציערישע לייסטונג פון פיל גרעסערער חשיבות. אט דער פאקט איז באזונדערס קאנטיק ווען מען באטראכט אים באם ליכט פון אונזער אקטיוויטעט און ווירקונג אין די פראווינץ־שטעט.

א גאנץ אייגנארטיקע ראל האט דער געווערקשאפטן קאמפיין געשפילט און א באזונדער לעבנס־נויטיקע פונקציע דערפילט אין דעם סאציאל־קולטורעלן לעבן פונם אידישן ארבעטער און פאלק־מענטש אין אמעריקא.

עס איז נויטיק געווען, קודם כל, אפצושוואכן דעם טראדיציאנעלן פאראורטייל און קאנווענציאנאלע געגנערשאפט, וועלכע האבן, צוליב דעם אמאליקן פארטיי־קאמף, באהערשט טיילן פון דער היגער אידישער ארבעטערשאפט. און אט די מיסיע פון באזייטיקן די נעגאטיוו־פסיכישע מאמענטן איז פון אונזער אויפקלערונגס־ארבעט מיט באדייטנדן דערפאלג דורכגעפירט געווארן.

דער געווערקשאפטן קאמפיין איז אלזא געווען דער פאסיקער אינסטרומענט, דורך וועלכן דער אמעריקאנער אידישער ארבעטער האט אנגעהויבן צו רעווידירן דעם פריער־באגאנגענעם אומרעכט און פארגיטיקן פאר זיין אומבארעכטיקער אינדיפערענץ און געגנערשאפט.

און מיר שיינט, אז עס איז ניט קיין איבערטרייבונג צו באהויפטן, אז דורכן געווערקשאפטן קאמפיין האבן פילע געוועזענע ראדיקאלן און סאציאליסטן אפגעפרישט און צוריקגעוואונען זייערע געדאנקען און געפילן, וועלכע זיינען דורך דעם פערזענלאכן, סאציאלן מצב, אדער דורך דער אומגינסטיקער סאציאלער אומגעבונג פארכאפט און אפט באהערשט געווארן פון קאנסערוואטיווע שטימונגען.

אף מיינע נסיעות איבער די פארווארפענע און איזאלירטע פונקטן פון לאנד, וואו עס איז ניטא קיין אידיש־פראגרעסיוו לעבן און קיין סימן פון אלגעמיין־ראדיקאלער באוועגונג, איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען זיך מיט אמאליקע ראדיקאלן און סאציאליסטן, אפלעבנדיק זייערע יארן אין דער נשמה־דריקנדער אטמאספערע פון זייער קראם אדער שאפ אין עלנר און איינזאמקייט — אייניקע שוין רעזיגנירט, אנדערע מיט נאך א שוואכער ביינקשאפט און בלאסער האפנונג אין הארצן — וועלכע ווערן גייסטיק אפגעפרישט און כאטש פאר א ווייל אויפגעלעבט דורך זייער מיטהילף און באריירונג מיט אונזער ארבעט. דער אמת׳ער „איך" דערשיינט פאר א ווײלע, די פראזא־שטויב ווערט דורך די זאפטע סענטימענטן כאטש פאר א שטיקל צייט פון הארצן אפגעוואשן, אף אייניקע איז אפילו קענטיק דער פראצעס פון גייסטיקער טראנספארמירונג, ווייל זיין געדאנק און געפיל באהעפט זיך ווידער מיט א באלעבנדער און שאפנדער קערפערשאפט, מיט דעם אוניווערסאלן אידעאל פון באנייאונג און באפרייאונג און מיט די רעוואלוציאנערע כחות פון אידישן פאלק.

און זאל דערלויבט זיין די אומבאשיידענע באהויפטונג, אז אונזער קאמפיין האט באשאפן דעם ווירקזאמסטן פראפאגאנדא־אינסטרומענט. די אפטע באזוכן פון די ארץ ישראל ארבעטער דעלעגאציעס און פארשטייער פון נאציאנאלן ארבעטער קאמיטעט, וועלכע דעקן כמעט דאס גאנצע לאנד, אומאפהייניג פון די פינאנציעלע דערווארטונגען, האבן פיל בייגעטראגן צו דער קולטורעלער דערוואכונג און דערהויבונג פון די אידישע פאלקסמאסן. אין פילע שטעט האט אונזער אקציע באווירקט און סטימולירט אנדערע קרייזן צו אונטערנעמונגען לטובת דעם ארץ ישראל אויפבוי און אנדערע הילף־טעטיקייטן.

און אלס רעזולטאט פון אונזער אקטיוויטעט און פאליסי, וועלכע האט פון די מיטהעלפער און שטיצער פריער ניט געפאדערט קיין הסכמה פאר די נאציאנאל־פאליטישע אספיראציעס פון דער ארץ ישראל ארבעטערשאפט און געזוכט נאר פארשטענדניש און מאראלישע שטיצע פאר די רעאלע ווירטשאפטס־פראבלעמען פון איינוואנדערונג און קאלאניזאציע, איז שוין א באדייטנדער טייל פון דער גרויסער מחנה סימפאטיקער ראוי און מסוגל פערמאנענט צו אפיליאירן זיך מיט אונזער אויפבוי־ווערק.

געטריבן פון דער בלוטיקער טראגיק פון דער אידישער ווירקלאכקייט; דערמוטיקט פון דער שוין איצטיקער, קאפאציטעט פון ארץ ישראל צו לינדערן טיילווייז דעם דורשט און געראנגל פון אונזער יוגנט פאר א ניי, פראדוקטיוו לעבן! געשטארקט פון דער איבערצייגונג אין דער גערעכטיקייט פון אונזער קאמף; אנגעפילט מיט האפנונג וועגן אונזערע גרעסערע צוקונפטס־מעגלאכקייטן, וועלכע ווערט באקרעפטיקט דורך דעם דראמאטישן און מסירות נפש׳דיקן קאמף פון אונזער חלוצים־אוואנגארד. — לעבן אויף אין פילע ווינקלען די ביז איצט דרימלענדע און אטראפירטע עלעמענטן, וועלכע זיינען גרייט צו נעמען אף זיך דעם שווערן יאך אבער אנגענעמען חוב פון זיין אקטיווע שותפים אין דאס אויפשטעלן פון דעם נאציאנאל־סאציאלן בנין.

דער געשאפענער ליגע פארן ארבעטנדן ארץ ישראל דארף דעריבער געלינגען צו ווערבירן א גרויסע מיטגלידערשאפט און זאמלען נייע כחות. עס קאן, עס מוז און האפנטלאך וועט דער ליגע געלינגען צו ווערן דער פרישער רעזערוואר פאר אונזער מאנומענטאלן באפרייאונגס־ווערק.

דריי יובילעאומס — אַ סך־הכל פון הונדערט יאָר!

פון מאיר קאַסטאָף

יובילעאומס בכלל זיינען ווי מייל־שטיינער אף א לאנגן וועג. קומט מען צו א יובילעאום, שטעלט מען זיך אָפּ פאר א ווייל, מען גיט א קלער וועגן דאָס פארגאנגענע, מען מאַכט א שטיקל חשבון און מען גיט אויך אמאָל א טראַכט וועגן דער צוקונפט — און דאן גייט מען ווייטער אינם אָנגעצייכענטן, אָדער אין פאָראויס־באשטימטן וועג.

וויל איך זיך איצט באנוצן מיט דער געלעגנהייט פונם צען־יאָריקן יובילעאום פונם געווערקשאַפטן־קאמפיין צו זאָגן אויך א פּאָר ווערטער וועגן נאָך אנדערע צוויי יובילעאומס, וועלכע ווערן אין דער זעלבער צייט געפייערט. די אלע דריי יובילעאומס האָבן איינע צו די אנדערע אזא נאָענטע שייכות, אז איך געפין אפילו פאר נויטיק אָנצורופן דעם ארטיקל מיט דעם נאָמען „דריי יובילעאומס — א סך־הכל פון הונדערט יאָר."

איך האָב דאָ אין זינען, ערשטנס, דעם 45־יאָריקן יובילעאום פון די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וועלכער ווערט אָפיציעל געפייערט איבער־צוויי־וואָכן זונטיק, דעם 17טן דעצעמבער, אין וועבסטער האָל; צווייטנס, דעם 45־יאָריקן יובילעאום פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, לאָקאל 83, וועלכער איז אָפיציעל שוין געפייערט געוואָרן דעם 28טן אָקטאָבער; און דריטנס, אָט טאַקע אונזער אייגענעם צען־יאָריקן יובילעאום פונם געווערקשאַפטן־קאמפיין פאר דאָס ארבעטנדע ארץ־ישראל.

און ווייל אונזער קאמפיין איז אָפיציעל און פאקטיש ארויסגעוואקסן פון די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק, אונטער דער דאמאָלסטדיקער פירערשאַפט פונם אומפארגעסלאַכן פריינט אונזערן און חבר מאקס פיין, ע"ה, און אויך ווייל די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן גופא איז מיט 45 יאָר צוריק, אין 1888, געגרינדעט געוואָרן פון דריי יוניאָנס, איינע פון וועלכע איז געווען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן, און אזוי ווי מאקס פיין איז דאָך אליין אויך געווען א זעצער און ער איז טאַקע א לאנגע צאָל יאָרן געווען איינער פון דער יוניאָנ׳ס דעלעגאטן צו די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, — דוכט מיר דערפאר, אז, ערשטנס, האָבן אלע דריי יובילעאומס א נאָענטע שייכות איינס צו דאָס אנדערע, און, צווייטענס, אז דער חשבון שטימט: צוויי מאָל צו 45, איז 90, און מיטן 10־יאָריקן יובילעאום, ווערט עס צוזאמען א סך־הכל פון א גאנצן יאָרהונדערט.

און פאר מיר, אלס א מיטגליד פון דער יוניאָן פאר גאנץ לאנגע יאָרן, און וועלכער איז אויך געווען א דעלעגאט פון דער זעלבער יוניאָן צו די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין דער צייט ווען אונזער קאמפיין איז געגרינדעט געוואָרן, — פאר מיר זאָל ערלויבט זיין צו שרייבן עטוואָס וואָס איך געדיינק פון יענע צייטן, ווען אין די רייען פון דער היגער אָרגאניזירטער ארבעטערשאַפט איז נאָך דאָס וואָרט ארץ־ישראל אָדער פּאלעסטינע „געלעגן אין חרם". איך געדיינק נאָך זייער גוט די טעג, ווען אפילו אין מיין אייגענער יוניאָן בין איך פון געוויסע מיטגלידער באקעמפט געוואָרן פאר פּראָפּאגאנדירן דעם געדאנק פון העלפן אונזערע אידישע ברידער און חברים אין ארץ־ישראל.

און אין די געווערקשאַפטן גופא האָבן מיר דאן, אין די ערשטע יאָרן, אויך געהאט ווייניק פריינט. מאקס פיין איז אָבער געווען ניט נאָר א מוטיקער קעמפער פאר זיינע איבערצייגונגען, נאָר ער האָט אויך געהאט דעם טיפן גלויבן אין דער זאך; אחוץ דעם איז ער געווען א הארציקער מענטש און ער האָט זייער גוט געקענט די פּסיכאָלאָגיע פון די ארבעטער־מאסן. ער פלעגט מיר שטענדיק בא די מיטינגען זאָגן: „זאָרגט זיך ניט, איר וועט זעהן, די מאסן וועלן סיי־ווי, פריער אָדער שפּעטער, קומען צו אונז; זיי מוזן קומען און די וואָס פארשטייען נאָך ניט אונזערע אמת׳ן, אָדער ווילן אונז ניט פארשטיין — דארפן מיר זיך אויך מיט זיי ניט קריגן; קוקט בעסער אף אונזערע פריינט, די ווירקלאַכע פאָרשטייער פון אונזערע גרויסע יוניאָנס, ווי ווילי־ק און גרייט זיי זיינען אונז צו העלפן; לאָמיר בעסער אָנגיין מיט אונזער פראקטישער ארבעט, און דער זיג אונזערער וועט במילא קומען." און ער איז גערעכט געווען!

און איך וועל אויך קיינמאָל ניט פארגעסן א געוויסן פרייטאָג אָוונט אין אָנהויב פון 1924, ווען מאקס פיין איז געקומען צו אונזער שריפטזעצער יוניאָן, און נאָכדעם ווי ער האָט זייער וואַרים גערעדט און אפּעלירט פאר שטיצע, האָט די יוניאָן געגעבן די ערשטע 500 דאָלער אלס אירביישטייערונג פארן יאָר 1924; אויך אין 1925 האָט די יוניאָן געגעבן 500 דאָלער. און דאָס איז געווען די ערשטע איינצאָלונג פאר דער ערשטער לינאָטייפּ־מאשין, וועלכע איז שפּעטער, דורכן געווערקשאַפטן־קאמפּיין אָפּגעשיקט געוואָרן צום ועד־הפּועל פון דער הסתדרות פארן „דבר".

די האנדלונג פון דער שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע כאָטש ניט גרויס אין צאָל פון מיטגלידער, איז שפּעטער געוואָרן א ביישפּיל פאר אנדערע, גרעסערע יוניאָנס, און זיי זיינען געקומען איינס נאָך איינס און געהאָלפן אין דער ארבעט, מאָראליש און פינאנציעל, ניט קוקנדיק אפילו אף דער זייער שווערער צייט, וואָס די היגע ארבעטערשאַפט האָט דורכגעמאכט אין די לעצטע יאָרן.

און ריידנדיק וועגן דעם, וויל איך זיך ספּעציעל אָפּשטעלן אף דער גאנץ־באזונדערער אקציע פון א קליינער צאָל שריפטזעצער, וועלכע האָבן געוואָלט העלפן דאָס ארבעטנדע ארץ־ישראל אף אן אמת־קאָנסטרוקטיוון אופן: אריבערצושיקן זעץ־און דרוק־מאשינען פארן „דבר"; עס איז געווען אן אָנגעשטרענגטע און שווערע ארבעט, ניט נאָר דאָס געלט שאַפן, נאָר דערהויפּט — צו געפינען די ריכטיקע מאשינען, צוגעפּאסט צו די דאָרטיקע אומשטענדן, און טאַקע אויך ניט צו דארפן צאָלן צופיל געלט. גענוג צו זאָגן, אז די פּרעס־מאשין, וואָס מיר האָבן לעצטן יאָר געשיקט, איז געווען ווערט אומגעפער פון 8 ביז 10 טויזנט דאָלער, און געקאָסט האָט עס שוין מיטן איבערשיקן, ארום דריי טויזנט דאָלער. די גוואַלדיקע נוצן פון דער מאשין דאָרט איז זיך קוים מעגלאך פאָרצושטעלן פאר איינעם, וואָס איז ניט באקאנט מיטן צייטונגס־וועזן. מיר, די קליינע גרופּע זעצערס, האָבן געטאָן די ארבעט מיט ליבע און איבערגעבנהייט, און מיר האָבן שוין דערפאר אויך אונזער שכר, ווען מיר זעהן, ווי גרעסער און שענער עס זעט אויס דער „דבר"; ווען מיר ווייסן, אז טיילווייז אויך צוליב אונזער מתנה איז מעגלאך געוואָרן, אז די צירקולאציע פונם „דבר" זאָל פארדאָפּלט ווערן כמעט אין איין יאָר (פון 6,000 אף 12,000) און וואָס פאר אויסזיכטן עס זיינען נאָך דאָ אין דער צוקונפט.

יא, אודאי ווייסען מיר, אז מיר זיינען נאָך שולדיק חובות. מיר דארפן נאָך צאָלן נאָוטס פאר דער מאשין, אָבער מיר ווייסן אויך, אז דאָס גרויסע ווערק, דאָס ארבעטנדע ארץ־ישראל, האַלט זיך נאָך אין שאַפן, און אז ערשט איצט דארף אונזער חלוצישע ארבעט דאָ — צו העלפן די חלוצים אין ארץ־ישראל — פילפאַך פארשטאַרקט ווערן, ספּעציעל צוליב דער גרויסער צאָל שונאים, מיט וועלכע זיי זיינען ארומגערינגלט פון אלע זייטן.

מיר וועלן דערפאַר די ארבעט ווייטער טאָן מיט שמחה און עקשנות׳דיגע איבערגעבנהייט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאר א ווײַלע, א טראַכט צו טאָן וועגן די פארגאנגענע 10 יאָר, וועגן די יאָרן פון אָפּגעטאָנענער ארבעט.

כנוס הפּועל־דום

פון ה. עהרענרייך

צום צענטן מאָל פאַרזאַמלט זיך דער „פּועל“ פון אמעריקע, דער באַוואוסטזיניקער, ביינקענדער, זוכנדער „פּועל“; דער פּועל, וואָס אַרבעט אין פאַבריק, אין שאָפּ; דער פּועל, וואָס אַרבעט פאַר אַ בעסערע, ליכטיקערע צוקונפט — פאַר דער באַשאַפונג פון אַן אַרבעטנדן, באַפרייטן אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. דאָס איז דאָך ניט קיין קאָנווענשאָן, ווי מען איז געוואוינט צו זען געוויינלאַך אַ קאָנווענשאָן. ס'איז מער אַ צוזאַמענקונפט ווי אַ צוזאַמענפאַר, ס'איז — אַ „כינוס“. און באַ דער געלעגנהייט ווילט זיך מיר דערציילן פון אַ „כינוס הפּועל“, וואָס איך האָב געזען אין חיפה. אַ „כינוס“ פון חיפה'ר דיסטריקט פון דעם „הפּועל“.

„הפּועל“! ס'איז מער ווי אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. „הפּועל“! יוגנט, שטורמישע, בליענדע אידישע יוגנט. „הפּועל“ — יוגנט־חלומות, יוגנט־פייער! פיזישע קראַפט און שטאָלענער ווילן, פעלזןפעסטע עקשנות אָנגעגליט פון אַ שטאַרקער ליידנשאַפט צו בויען און שאַפן.

אָט דער הפּועל האָט אַ טייל פון זיין יוגנט געשיקט צו אַ „כינוס“, צו אַ צוזאַמענפלי אין חיפה. ס'האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן יונגע, פול מיט יוגנטלאַכע פרייד און יוגנט־צויבער, אַ צוויי־דריי טויזנט אידישע אַרבעטער. פאַרפלייצט מיט יוגנט איז דער אַמפיטעאַטער פון דער הסתדרות אין חיפה. די אייניקע טויזנט פּלעצער באַזעצט און נאָך אַ פּאָר טויזנט פילן אָן יעדן אָרט, וואו מען קען נאָר שטיין, אי זיך אנהייגנען. געזאַנג און געלעכטער? ניין, ס'איז עפּעס אַ סימפאָניע פון יוגנט.

איך האָב קיינמאָל ניט בלויז ניט געזען, נאָר איך האָב קיינמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַרבעטער, פּשוט'ע אַרבעטער, ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקראָבאַטן, קענען אַזוי קולטיווירן דעם קערפּער, מאַכן אים אַזוי בויגזאַם, אַזוי עלאַסטיש, אַזוי באַהערשן יעדן מוסקול, אַזוי גראַציעז מיט אַן אַקראָבאַטישער פלינקייט אַריבערוואַרפן דעם קערפּער איבער הויכע שטאַנגען און אַרויסווייזן אַזאַ גבורה מיט אַזוי פיל געשיקטקייט, מיט אַזוי פיל ריטם.

איצט דער ים־ספּאָרט! ווי גיט מען דאָס איבער!? ווייט פון ים־ברעג אַפן ים איז געמאַכט אַ באָרד־וואָק, אַ גרויסער טראָטואַר און טויזנטער שטולן זיינען באַזעצט און ס'ציט זיך נאָך אַלץ אַ מאַסע מענטשן; און ווייט פון טראָטואַר זיינען ווי אַ „דלד“ אויסגעשטעלט שיפן — זעקס שיפן, געליען פון אַראַבער, וואָס האָבן זיך אויך געפרייט מיטן יום־טוב, — און די שיפן זיינען אויך באַזעצט, באַשאָטן מיט יונגע, גליענדיונגע בחורים און בחורות. אַ בילד, וואָס דער געניאַלסטער רעזשיסאָר וואָלט בעסער ניט געקענט צוזאַמענשטעלן. פאַרבנרייך ווי אַ רעגנבויגן. אַ צויבער־בילד באַגאָסן מיט אַ פריידיקער ליכטיקייט פון אויבן. אין ים, צווישן טראָטואַר און די שיפן, האָבן מיטגלידער פון „הפּועל“ דורכגעפירט ים־ספּאָרט איבונגען. פאַרשיידן זיינען זיי געוועזן. דערנאָך אַ סאָקער־גיים אין ים „צווישן „הפּועל“ און ענגלישע שפּילער. דריי פערטל שעה אַ סאָקער־שפּיל אין ים! ס'פליט דער באַל און נאָך אים, מיט דער שנעלקייט פון פיש, טראָגן זיך די שפּילער. ווי קען מען אַזוי געשווינד שווימען? אָט פליט דער באַל אין נעץ און ס'ווערט שטיל. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן זיך עפּעס אַ 12 טויזנט אויגן איינגעביסן אין יענער ריכטונג און — אַ געשריי פון באַוואונדערונג, פון פרייד — דער „גאָולקיפּער“ האָט (אין וואַסער!) מיט אַ שפּרונג אין דער הויך געכאַפּט דעם באַל! ס'מאַכט ניט, וואָס דער גאָול־קיפּער איז אַן ענגלענדער, פון דעם ענגלישן טים. ער האָט באַוויזן געשיקטקייט, זעלבסט־קאָנטראָל, און — אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן באַגריסט אים. ס'איז דאָך זייער אָנגענעם, ווי דער גאָול־קיפּער פון „הפּועל“ ווייזט אַזעלכע קונצן.

אידישע קינדער! וואו האָבן זיי זיך עס געלערנט! אויף וועלכע גערטנער זיינען זיי געוואַקסן? איך קום דאָך אויך פון חוץ־לאָרץ. מיר האָבן דאָך ניט אַזעלכע גערטנער — אין ארץ־ישראל זיינען זיי געוואַקסן, דאָרטן האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין און צו פילן, אַז דער קערפּער איז פּונקט אַזאַ מתנה פון גאָט ווי די נשמה. ביידע דאַרפן קולטיווירט ווערן, ביידע דאַרפן בליען און וואַקסן.

באַ דעם „כינוס“ האָט עפּעס פּאַסירט זייער וויכטיקס: מען האָט אַ שיפל איבערגעגעבן דעם „הפּועל“ אויפן נאָמען פון חיים אַרלאָזאָראָוו. זיין נאָמען איז פאַרהייליקט. ער ווערט געטראָגן פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער אייביקייט. אַ קליינע שיפל. דאָ, באַ אונז, קוקט מען זיך ניט אַרום אויף אַזעלכע שיפלאַך. אָבער דאָרטן... ס'איז ערשט אַ סימבאָל. ס'וועלן קומען גרעסערע... אָט פירט מען אַריין די שיפל און אויף איר, צוזאַמען מיט דעם מאַנשאַפט, שטייט דער „גענעראַל־שטאַב“ פון „הפּועל“. דער אָרקעסטער פון „הפּועל“ שפּילט און הויך און ווייט טראָגן זיך די טענער פון דער פייערלאַכער מוזיק. ס'ווערט שטיל, ס'טרעט אַרויס דוב האָז, און ווייט קלינגט אָפּ זיין: „כינוס הפּועל — דום!“ (אויפמערקזאַם!). טויזנטער יונגע, בויניקע, ווי פּאַלמען־שלאַנקע קערפּערס גיבן זיך אַ צי אין דער הויך און בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

נאָך דער צערעמאָניע. ס'איז שוין באַלד אָונט. מען שטעלט זיך אין רייען און פון ים מאַרשירט מען אַרויף צום הדר הכרמל, צו דעם אידישן הדר הכרמל. טויזנטער און טויזנטער גייען. אַרומגענומען מיט אַ קייט פון דער „הפּועל“־וואַך ציט זיך די פּראָצעסיע צו דער הויכקייט פון כרמל. מען איז שוין אויפן באַרג. מיטאַמאָל צינדן זיך טויזנטער, טויזנטער פאַקעלן. גאָט, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר בילד! פון אונטן ציט זיך אַ מאַסע, אַ ריזיקע מאַסע מענטשן, און איבער די קעפּ טויזנטער פאַקעלן — אַ בילד, וואָס קיינער קען זי ניט איבערגעבן. מען מוז זי דורכלעבן. יוגנט, פאַקלען, געזאַנג, מוזיק — אַ סימפאָניע. באַ די זייטן גאַסן, אויף די באַלקאָנען, אויף די דעכער, פענצטער,ביימער — מענטשן! מיט וואָס פאַר אַ שטורעם פון פרייד דער „הפּועל“ ווערט באַגעגנט! אָט אַזוי באַגעגנט אַ פאָלק זיין יוגנט, זיין האָפנונג.

צום אַמפיטעאַטער ציט זיך די פּראָצעסיע. ס'איז, דאַכט זיך, שוין מער קיין פּלאַץ אַרום אַמפיטעאַטער ניטאָ, אָבער לויט דער קורצער, אָפּגעהאַקטער קאָמאַנדע ווערט פּלאַץ פאַר די צוגעקומענע רייען. חבר האָז איז ווייטער אין דער הויך און איבער אַלעמענס קעפּ טראָגט זיך ווידער: „כינוס הפּועל דום!“ שטיל. ער געזעגנט זיך מיט זיי — צוריק צו דער אַרבעט, צו דער שווערער אַרבעט — אויפבויען אַ לאַנד פאַר אַ פאָלק און אַ פאָלק פאַרן לאַנד.

און צו זיך דאַרפן מיר זאָגן: „כינוס הפּועל, דום“. הערט זיך צו, אידישע אַרבעטער! הערט זיך צו! ס'טראָגן זיך צו אונז פאַרצווייפלטע געשרייען פון אונטערגייענדע ברידער און שוועסטער. הילף דאַרפן מיר זיי געבן. און די הילף דאַרף זיין — ארץ־ישראל. דער אַרבעטער אין ארץ־ישראל בויט אַ וואונדערבאַרן בנין, און מיר דאַרפן העלפן. צום 10טן מאָל קומען מיר זיך צוזאַמען אויפן רוף פון דעם פּועל אין ארץ־ישראל, און זיין שטימע קלינגט צו אונז דורך ימים און לענדער; אַ שטימע, וואָס רופט צו אַרבעט, אָבער זי רופט אויך צו אַ נייעם לעבן, צו אַ שענערן, בעסערן, ליכטיקערן לעבן. אַזאַ לעבן בויט די הסתדרות אין ארץ־ישראל. זיי פּלאַסטערן אויס דעם וועג פאַר דעם אידישן און אַלמענטשלאַכן גואל. קומט, לאָמיר זיי העלפן.

כינוס פון אידישע אַרבעטער צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין! איר הערט דעם רוף? קומט, לאָמיר גיין און מיט אונז וועלן גיין אַלע די, וואָס האָבן כח און ווילן צו לעבן און שאַפן.

אמעריקע און ארץ ישראל

פון ד״ר. דוד רעבעלסקי

אמעריקאנער אידן נויטיקן זיך אין ארץ־ישראל און ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין אמעריקאנער אידן. און ס׳איז, נאטירלאך, אן אומזיסטע טרחה צו וועלן פעסטשטעלן, ווער אין וועמען נויטיקט זיך מער.

איין זאך איז אבער אין די לעצטע יארן קלאר געווארן, מיט א העלער, באצווינגנדער קלארקייט: פאר אמעריקאנער אידן און פאר ארץ ישראל אידן איז אן ענגע און אינטימע קאאפעראציע א שיקזאלהאפטע לעבנס־פראגע.

דוקא איצט, ווען אלס רעזולטאט פון דרייערנדיקער און יסורים׳דיקער ארבעט, זיצט שוין דאס ערשטע פערטל מיליאן אידן אין ארץ־ישראל און דער פונדאמענט פונם אידישן לעבן דארט שיינט צו זיין באפעסטיקט, — דוקא איצט טויכט אויף אינם אידישן באוואוסטזיין די איבערצייגונג, אז ארץ־ישראל קען זיך ווייטער ניט בויען מיט דער נויטיקער טעמפא אן נאציאנאלע און ארבעטער קאפיטאלן. אן אזעלכע קאפיטאלן וועט ארץ ישראל ניט קענען לינדערן די ביטערע נויט פון די שוואכסטע, ארימסטע און פארפאלגטסטע טיילן פון אידישן פאלק, וואס רייסן זיך מיט אלע כחות צו איר, ווייל זי איז די איינציקע רעטונג פון אונטערגאנג.

פאר דער מאביליזאציע פון אידישע נאציאנאלע קאפיטאלן — ווייניקסטן אין געגנווארטיקן אפשניט פון דער אידישער געשיכטע — זיינען די אמעריקאנער אידן די נאטירלאכסטע אגענץ.

ס׳איז ניטא קיין וועג פאר אמעריקאנער אידן ארויסצודרייען זיך פון דער הארבער היסטארישער פאראנטווארטלאכקייט. די קאפריזנע שיקזאלן פון דער אידישער געשיכטע האבן געוואלט, אז דוקא אין א מורא׳דיקער צייט פון מאיומ׳דיקע פאסירונגען אינם אידישן לעבן, פון טויטלאכע געפארן און אנגסטן, זאל די העגעמאניע איבער אידישן לעבן אנשפארן בא די ענגליש־שפרעכנדע אידן, בא אמעריקאנער, ענגלישע, זיד־אפריקאנישע און קאנאדער אידן. די איבעריקע אידישע וועלט איז ארים, געבראכן, ראנגלט זיך, אין שווערן קאמף פון הונגער און נויט, פאר בלויזער פיזישער עקזיסטענץ. דאס רוסישע און דייטשע אידנטום זיינען ארויסגעשלײדערט געווארן פון די וואגשאלן פון דער אידישער היסטאריע, און אלס אקטיווע פאקטארן אינם אידישן לעבן וועלן זיי פעלן פאר א געוויסער צייט.

צווישן די ענגליש־שפרעכנדע אידן זיינען די אמעריקאנער אידן די דאמינירענדע גרופע. זיי זיינען די גרעסטע אין צאל. אונטער געוויסע אומשטענדן, קען צווישן זיי אנטשטיין א מאסן־באוועגונג פון עכטער אינטענסיוויטעט: דעמאקראטישע טענדענצן ליגן לאטענט אין זייער פסיכישער סטרוקטור. זייער פאליטישער איינפלוס, ריכטיק ארגאניזירט און געפירט דורך די נויטיקע קאנאלן, קען ווערן א מעכטיקער אינסטרומענט אין אונזער קאמף פאר דער גערעכטיקער אויסטייטשונג פון אונזערע אינטערנאציאנאל־אנערקענטע רעכט אין ארץ־ישראל. מיט איין ווארט, אמעריקאנער אידן מוזן שפילן אין די נאענטסטע יארן א באדייטנדע ראלע אינם פראצעס פון אידישער נאציאנאלער אויפריכטונג.

און ווי ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין די אמעריקאנער אידן, אזוי נויטיקן זיך די אמעריקאנער אידן אין ארץ־ישראל.

די אידישע וועלט אין אמעריקע האט זיך דערלויבט — אין אירע ברייטע, קאמפאקטע מאסן — אויסצוטאן זיך פונם עול פון אידעאלן פאר גאנצע צוויי דורות. מען האט געהארעוועט, געהאוועט, געקרעמערט און געפעדלט, גע־סוחר׳ט און געלט געמאכט. דערביי האט מען פארגעסן צו דערציען קינדער און מען האט געלאזט די אייגענע נשמה אן גייסטיקער שפייז.

די קאטאסטראפאלע פאלגן פון ארײנלאזן זיך אין א בלויז גשמיות׳דיק לעבן זעט מען אף טריט און שריט. די פארלוסטן זיינען באמת שרעקלאכע. דאס אידישע לעבן אין אמעריקע איז געווארן מגושמ׳דיק, גייסטלאז, געשמאקלאז. די אידישע היים איז פוסט, קאלט, אינהאלטסלאז. פון אמאליקע שיינע אידישע טראדיציעס זיינען געבליבן ארימע, לעבערלאכע רעשטלאך, קאמיש־טראגישע אין זייער אפגעריסנקייט און פארווארלאזטקייט. ארגאניזאציעס, וואס פראפאגאנדירן אידעאלן — און האבן קולטורעלע אויפגאבן — זיינען כמעט אלע אן אויסנאם, אן געהעריקן איינפלוס אף די באמת ברייטע שיכטן פון דעם פיר־מיט־א־האלב מיליאניקן אידישן ישוב אין אמעריקע.

און אפט באקומט זיך דער איינדרוק, אז דאס אידישע לעבן אין אמעריקע קאן מער ניט אריבערטראגן זיין אינהאלטסלאזיקייט און גייסטלאזיקייט. עס לעכצט נאך אן אידעאל, וואס זאל קענען פאראייניקן גרויסע טיילן פון פאלק אין איין קאנצענטרירטער שטרעבונג, וואס זאל צעברעכן די טעמפקייט און אומעט און נאכמאל אריינברענגען פאטאס אין אידישן לעבן, וואס זאל וועקן העראאישע עמאציעס אין די הערצער פון דער אידישער יוגנט, וואס זאל נאכאמאל עפענען די אוצרות פון אידישער גייסטיקייט.

אזא אידעאל איז פאראן בא אידן. ער הייסט ארץ־ישראל. ער הייסט דאס ארבעטנדע ארץ־ישראל.

די ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל אין איר געוואלדיקער פארנומענקייט און באזארגטקייט מיט די אינעווייניקסטע ארץ־ישראל׳דיקע פראבלעמען, האט ניט פארגעסן אין דער גייסטיקער נויט פונם אמעריקאנער אידנטום. שוין צען יאר ווי זי שיקט יאר־איין, יאר־אויס, אירע דעלעגאציעס צו דער אידישער אמעריקע. זי נעמט באם אמעריקאנער אידנטום זייער באשיידענע געלט־סומען און באצאלט מיט א ים פון גייסטיקער ענערגיע. די אומצאליקע טורס, וואס די בעסטע פירער פון דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטערשאפט האבן געמאכט אין אמעריקע, האבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט עפעס א קידוש־השם עלעמענט. זיי זיינען געפארן אין די פארווארפנסטע ווינקלאך פון דער אידישער אמעריקע און געבראכט אהין די בשורה פון אידישער אויסלייזונג. זיי האבן געהאלטן רעדעס בא גרויסע פארזאמלונגען. זיי האבן אבער אויך געהאט דעם מוט צו גיין פון שטוב צו שטוב און פון קלייט צו קלייט אין די, פון גאט און מענש פארגעסענע, פארווארלאזטע און פאר׳חושכ׳טע ישובים, און אהין ברענגען צו פאר׳חלומ׳טע אידישע נשמות דאס ווארט פון טרייסט און פון לערע.

עס זיינען דא ממשות׳דיקע רעזולטאטן פון דער מסירת־נפש׳דיקער ארבעט. די תורה פון דעם ארבעטנדן ארץ־ישראל האט זיך דערווארבן עטלאכע צענדליק טויזנט וואכזאמע תלמידים.

מיר זיינען, נאטירלאך, ווייט, זייער ווייט פון זיין צופרידן. די געגנזייטיקע נויט פון אמעריקאנער אידן און פון דעם אויפשטייענדיקן צו א נייעם און פרוכטבארן לעבן ארץ־ישראל איז פיל, פיל גרעסער. די מחיצות זיינען נאך ערטערווייז גאנץ הויך. די אויפגאבע אונזערע איז: מיט געמיינזאמע כחות דעם וועג אפראמען, די מחיצות צעברעכן, דעם דורשטיקן צום קוואל פון מים חיים צוצופירן.

מיר גלויבן אין דער קראפט פון א לעבנס־נויט. ווייל זי איז גרויס און ווייל זי איז געגנזייטיק — מוז זי איר וועג געפינען.

חולים געפינען זיך דער צענטראַלער שפּיטאָל אין עמק, סאַנאַטאָריומס אין מוצא און אַפן כרמל, און קליניקס אין יעדן פונקט וואו עס לעבן אידישע ארבעטער. דער גרונט־קאַפּיטאַל פון „קופּת חולים“ איז 60,000 פונט.

10) „מרכז שכונות עובדים“ (דער צענטער פון ארבעטער־קוואַרטאַלן). דער צענטער איז ארויסגעוואַקסן פון די אָנשטרענגונגען פון פארשיידענע ארבעטער־גרופּן אין די שטעט צו גרינדן ארבעטער־קוואַרטאַלן און קאָאָפּעראַטיווע הייזער — אַ דרינגענדע נויטווענדיקייט צוליב די ארויפגעשרויפטע דירה־געלט אין דער לעצטער צייט, און אַ וויכטיקע באַדערפעניש צוליב דעם ווילן פון דעם שטאָטישן ארבעטער זיך צו שאַפן די מעגלאַכקייט זיך אויסצולעבן אין זיין גייסט אויך אין שטאָט. אין די „שכונות עובדים“ געפינען זיך 2650 פאַמיליעס.

עס דאַרפן דערמאָנט ווערן נאָך עטלאַכע קלענערע אינסטיטוציעס, ווי דער אַרבעטסלאָזיקייט־פאָנד און „משען“ — אַן הלואות־פאָנד פאַר קראַנקע און אינוואַלידן.

מיר האָבן צוליב פּלאַץ־מאַנגל ניט מער ווי אויסגערעכנט די נעמען פון די צווייגן פון דער ארבעטער־קאָאָפּעראַציע. דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט זיך מוזן אַליין פאָרשטעלן ווי קאָמפּליצירט און פארצווייגט עס זיינען די פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער ווירטשאַפטלאַכער ארבעטער־מלוכה און ווי אַגרעסיוו, ציל־באַוואוסט און וואַגנד עס איז די ענערגיע, וועלכע האָט איר געבראַכט אַף דער וועלט.

אויפבוי און פאַרטיידיקונג

ארץ־ישראל מאַכט איצט דורך אַ פּעריאָד פון גרויסן עקאָנאָמישן אויפשוואונג. מיליאָנען פונטן שטראָמען אַריין אין דער אידישער ווירטשאַפט, אין דעם ציטרוס־סעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער אינדוסטריע און אין בוי־פאַך. (און צום גרויסן באַדויערן אויך אין פארשיידענע ריין־ספּעקולאַטיווע אונטערנעמונגען). דער אידישער קאַפּיטאַליסט און דער מיטלקלאַס־מענטש האָבן ענדלאַך דערזען די עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון פון לאַנד. דאָס איז פון שטאַנדפּונקט פון אויפבוי פון לאַנד און פון דער רעטונג פון גרויסע אידישע מאַסן פון די גיהנומס אין וועלכע זיי לעבן איצט — זייער אַ דערפרייענדע דערשיינונג. אָבער די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן אויך זייערע טונקעלע זייטן.

דער אידישער קאַפּיטאַליסט געפינט, קומענדיק קיין ארץ־ישראל, אַ שטאַרקן, גוט־אָרגאַניזירטן ארבעטער־קלאַס, — אַן ארבעטער, וועלכער דערוואַרט באַהאַנדלט צו ווערן, אפילו פון זיין בעל־הבית, אַלס אַ גלייכער צווישן גלייכע; וואָס וויל, אַז זיינע באַציאונגען מיט זיינע ארבעטס־געבער זאָלן רעגולירט ווערן, ניט דורך אַ „גוט־האַרציקן“ פּאַטערנאַליזם, נאָר דורך אָפענע פארהאַנדלונגען און גענויע, פּינקטלאַכע אָפּמאַכן. און פאַר אַ טייל פון די ארבעטס־געבער איז, ווייזט אויס, שווער זיך צוצופּאַסן צו אַזאַ סיטואַציע, צו וועלכער זיי זיינען ניט געוואוינט געווען אין די מער־אָפּגעשטאַנענע מזרח־אייראָפּייאישע לענדער. די דאָזיקע ארבעטס־געבער זיינען גרייט אַף אַלץ, אַבי „ברעכן“ דער הסתדרות. זיי אונטערשטיצן סטרייק־ברעכערישע, פאַשיסטישע ארבעטער־גרופּן, זיי מסר'ן צו דער רעגירונג, זיי פארשפּרייטן אין לאַנד און ספּעציעל אין אויסלאַנד לעגענדעס וועגן די „אוממעגלאַכע“ פאָדערונגען פון דער הסתדרות.

פאַר וואָס קעמפט די הסתדרות? ערשטנס, פאַר אָנערקענונג, און געגן דעם „אָפּען שאָפּ“. צווייטנס, פאַר קאָלעקטיווע אָפּמאַכן. די הסתדרות איז צוליב פארשטענדלאַכע מאָטיוון געגן דער אַזוי־גערופענער „אַבלי־גאַטאָרישער בוררות“ (אַרביטראַציע) אַלס אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע. זי איז אָבער פאַר „אָבליגאַטאָרישער בוררות“ אַלס אַ פּאַראַגראַף אין יעדן קאָלעקטיוון אָפּמאַך. דריטנס, די הסתדרות איז פאַר אַ בשותפות'דיקער ארבעטס־ב״ח״אָ, אין וועלכער די קליינע ארבעטער־גרופּן, וועלכע געהערן ניט צו דער הסתדרות („מזרחי“־ארבעטער אַ .אַז. וו.) זאָלן אויך זיין פארטראָטן. זי איז אָבער געגן אַן ארויפגעצוואונגענער „נייטראַלער אַרבעטס־ביוראָ“, וועלכע פארטרעט קיינעם ניט. די הסתדרות איז, אין קורצן, פאַר אַן אינדוסטריעלן שלום, וועלכער איז באַזירט אַף אָפּמאַכן צווישן באַשטימטע ארבעטער און ארבעטס־געבער, אָפּמאַכן וועלכע פארפליכטן ביידע צדדים, און זי באַקעמפט און וועט באַקעמפן אַלע פארזוכן ארויפצוצווינגען אַף אַ „צעבראָכענער“ הסתדרות אַ „שלום“ און „נאַציאָנאַלע ברידערלאַכקייט“ על פּי נוסח דייטשלאַנד און איטאַליע.

די אַרבעטער־פיינטלאַכע עלעמענטן אין ארץ־ישראל האָבן לעצטנס פארשטאַרקט זייערע אַטאַקעס. אפילו זיי האָבן פון דער ארבעטערשאַפט זיך אויסגעלערנט די חכמה פון איינינקייט. ביסלאַכווייז פארשווינדן די פּאָליטישע מיינונגס־פארשיידנהייטן, וועלכע האָבן זיי ביז איצט צעטיילט; זייער פּלאַץ פארנעמט איין ציל, איין באַגער: ברעכן דעם גרויסן געזעלשאַפטלאַך־ווירטשאַפטלאַכן כח, וועלכער איז אין ציוניזם און אין אידישן ישוב דערשינען ווי דורך אַ נס אין די שווערסטע יאָרן פון האָפענונגסלאָזיקייט און אַפּאַטיע; פארניכטן דעם קוואַל פון נאַציאָנאַלער טריישאַפט, ווירטשאַפטלאַכער איניציאַטיווע און סאָציאַלן פּראָגרעס; די גאַראַנטיע, אַז ארץ־ישראל וועט ניט ווערן קיין קאָלאָניאַלע עלדאָראַדאָ פאַר אומקאָנטראָלירטע אידישע עקספּלואַטאַטאָרס, נאָר אַ היים פאַר מיליאָנען אידישע ארבעטער און מיטלקלאַס־מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג אויסער ארץ־ישראל.

צום גליק איז די ארץ־ישראל'דיקע ארבעטערשאַפט ניט אַליין. אין יעדן ווינקל פון דער אידישער וועלט געפינען זיך אירע פריינט. צענדליקע טויזנטער יונגע מענטשן זיינען מיט איר פארבונדן ניט נאָר אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש, נאָר אַלס צוקונפטיקע מיטארבעטער און מיטקעמפער. און עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז אויך די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע ווערן איצט אַזוי פיל געהעצט געגן דער הסתדרות, וועלן איינזען, אַז דער שליסל צו דער ארץ־ישראל, אין וועלכער אויך זיי וועלן האָבן אַ צוקונפט, ליגט אין די הענט פון דער אָרגאַניזירטער ארבעטערשאַפט, פון די פּיאָנערן פון אונזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

דאָזיקע קבוצות האָבן בשותפות׳דיקע אינטערעסן. כדי צו דערמעגלאכן צוזאמענאַרבעט און געגנזייטיקע דיסקוסיעס וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען, איז מיט א פּאָר יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דער „חבר הקבוצות“ (די פאראייניקונג פון די קבוצות), וועלכער האָט פון צייט צו צייט צוזאמענקונפטן, אף וועלכע די באזונדערע פּראָבלעמען פון דער אויטאָנאָמער, קליינער, ריין־לאַנדווירטשאפטלאכער קבוצה ווערן באשפּראָכן, און וואו עס ווערט פון צייט צו צייט באַשלאָסן וועגן פארשיידענע בשותפות׳דיקע אונטערנעמונגען פון די קלענערע קבוצות.

עס איז א פראגע, צי קען מען אויך דעם „מושב עובדים“ צורעכענען צו דער קאָלעקטיוויסטישער באוועגונג. דער מושב איז א פּראָדוקט פון דער קבוצה. די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פאָרם איז געשאפן געוואָרן דורך חברים, וועלכע האָבן געוואָלט לעבן קאָאָפּעראַטיוו, אָבער אויך פּרעזערווירן דאָס פאַמיליע־הויז אלס די צעלע פון דער געמיינשאפט. געוויסע חברים האָבן אויך געוואָלט זיין מער פריי אין זייער ארבעט און ווירטשאפט. די קאָלעקטיוויסטישע כאראקטעריסטיקן פונם „מושב עובדים“ זיינען: נאַציאָנאַלער באָדן, וועלכער באַגרעניצט זיך אף א איינס וועלכע פאָדערט נאָר די ארבעט פון דעם חבר און זיין פאַמיליע; דער פּרינציפּ פון זעלבסט־ארבעט, דאָס הייסט א פארבאָט אף געדונגענער ארבעט; דער פּרינציפּ פון געגנזייטיקער הילף, דאָס הייסט קאָלעקטיווע פאראנטוואָרטלאכקייט פאר קראנקע חברים, וועלכע זיינען ניט ביכולת צו באַארבעטן זייערע ווירטשאפטן, א. אז. וו. אין די קאָלאָניזירטע מושבים געפינען זיך ארום 500 ווירטשאפט־איינסן און 2714 נפשות. עס דאַרף אָבער דערמאָנט ווערן די באַדייטנדע „ארגונים“ - באַוועגונג — די פאַרשיידענע גרופּן, וועלכע ארבעטן דערווייל אלס לוין־ארבעטער, אָבער גרייטן זיך צו באַזעצן אין מושבי עובדים באַ דער ערשטער געלעגנהייט. אין די „ארגונים“ איז אָרגאַניזירט ניט קיין קלענערע צאָל חברים, ווי אין די שוין־קאָלאָניזירטע מושבי עובדים.

די קאָלעקטיוויסטישע באוועגונג (די מושבי עובדים אריינגערעכנט) האָט אין יאָר 1932 געהאט כמעט 9000 חברים. לעצטנס איז די דאָזיקע צאָל באַדייטנד געשטיגן. עס איז ניט קיין אבערטרייבונג צו זאָגן, אז די קאָלעקטיוויסטישע באַוועגונג האָט שוין אָנגעהויבן איר צווייטן צענטויזנט. דאָס איז אַן איינציקארטיקע דערשיינונג אין דער אלוועלטלאכער ארבעטער־באוועגונג. אין קיין שום לאַנד פירט ניט אזא באַדייטנדער פּראָצענט פון דער ארבעטערשאפט א סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער. די באזונדערע באדינגונגען פונם נאַציאָנאַלן אויפבוי האָבן דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטערשאפט געשיינקט דעמדאָזיקן גרויסן גליק, און זי טראָגט עס מיט שטאָלץ און זאָרג.

אַנדערע צווייגן פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע

מיר האָבן פריער דערציילט וועגן דער באַזונדערער סטרוקטור פון דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטערשאפט, וועגן די קאָנטראָל־פאָרמען פון דער ארבעטערשאפט איבער אירע אינסטיטוציעס און ווירטשאפטן. מיר וועלן איצט בקיצור אויסרעכענען עטלאכע פון די דאָזיקע צווייגן און „טאָכטער־געזעלשאפטן“ פון דער „חברת עובדים“:

1) „ניר“ — די אַרבעטער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאפט. אין איר רשות געפינען זיך די 60 לאַנדווירטשאפטלאכע פּונקטן פון דער ארבעטערשאפט. אין די לעצטע יאָרן איז „ניר“ געוואָרן אַן אמת אקטיווער פאקטאָר אפן לאַנדווירטשאפטלאכן פראָנט. זי האָט דורכגעפירט א גרויסע דערפאָלגרייכע קאַמפּאַניע צווישן דער ארבעטערשאפט פארן פארקויף פון אירע אקציעס. פאָלגלאַך האָט „ניר“ נעקראָגן די מעגלאכקייט צו העלפן מיט קרעדיט די „ארגונים“ און די קאָלאָניעס, אין זייערע באַמיאונגען זיך צו קאָלאָניזירן. די אומטעטיקייט פון די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־פאָנדן שטעלט פאר „ניר“ גרויסע אויפגאבן; צי וועט זי זיי קענען דורכפירן איז, פארשטייט זיך, אָפּהענגיק פון די מיטלען, וואָס זי וועט האָבן אין איר רשות.

„ניר“ האָט צוויי „טאָכטער־געזעלשאפטן“. זיי זיינען:

2) „תנובה“. דער קאָאָפּעראַטיוו פארן פארקויף פון די פּראָדוקטן פון די ארבעטער־ווירטשאפטן: מילך, מילך־פּראָדוקטן, אייער, עופות, האָניק, וויינטרויבן, באַנאַנעס, אָראַנזשן, איינגעמאכטס, קאָנסערוון, א. אז. וו. „תנובה“" האָט אָפּטיילונגען אין אלע שטעט און קאָלאָניעס. זי וואקסט פון יאָר צו יאָר צוזאַמען מיט די ארבעטער־ווירטשאפטן. זי פירט אָן א רירעוודיקע ארבעט פאר נייע מערק סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין אויסלאַנד. אין יאָר 1932 האָט זי געהאט א פדיון פון 150,000 פונט (אין יאָר 1927 נאָר 56,000 פונט). קיין שום ארבעטער־ווירטשאפט טאָר ניט פארקויפן קיין פּראָדוקטן אויסער דורך „תנובה“.

3) דער נאָמען „יכין“ איז ניט פרעמד צו א סך פריינט פון ארבעטנדן ארץ־ישראל אין אמעריקע. עס איז דער לאַנדווירטשאפטלאכער אונטערנעמונגס - קאָאָפּעראַטיוו פון דער הסתדרות. „יכין“ פירט דורך פארשיידענע לאַנדווירטשאפטלאכע ארבעטן, ספּעציעל אין דעם אָראַנזשן־געביט. ער האָט זיך, צוליב דער קוואַליטעט פון זיין ארבעט, געשאפן א גלענצנדע רעפּוטאַציע. לעצטן יאָר האָט „יכין“ דורכגעפירט אַרבעטן פאר א סומע פון מער ווי 30,000 פונט. היינטיקן יאָר ארבעטן פארן „יכין“ 400 ארבעטער.

4) **די אונטערנעמונגס־קאָאָפּעראַציע אַפן געביט פון הייזער־בוי און עפנטלאכע אַרבעטן.** מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם בוי - אונטערנעמונגס - קאָאָפּעראַטיוו „סולל בונה“. „סולל בונה“ איז אין די קריזיס־יאָרן 1927־29 ליקווידירט געוואָרן. אין די לעצטע יאָרן זיינען אין די שטעט געעפנט געוואָרן נייע בוי־אונטערנעמונגס־ביוראָס (משרדים קבלניים) פון דער הסתדרות. די הסתדרות האָפט די דאָזיקע ביוראָס צו פאַראייניקן אין איין גרויסן אונטערנעמונגס־קאָאָפּעראַטיוו.

5) „המשביר“ — די קאָאָפּעראַטיוו אנגראָ („האָלסייל“) איינקויף־געזעלשאפט. דאָס איז איינע פון די עלטסטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין די שווערע הונגער־יאָרן אין דער מלחמה־צייט. דער „המשביר“ איז, פארשטייט זיך, פאַרבונדן מיט די קאָנסום־פאַראיינען אין שטאָט און דאָרף. ער קויפט אויך איין אין אויסלאַנד מאשינען פאר די ווירטשאפטן.

6) **די אַרבעטער־באַנק** („באנק הפועלים“) — די צענטראַלע פינאַנץ־אינסטיטוציע פון דער ארבעטערשאפט. די באַנק איז א וויכטיקער שטיצפּונקט פון דער אַרבעטער־ווירטשאפט. איר גרונט־קאַפּיטאַל איז 100,000 פונט. באַם באנק פונקציאָנירן ליי־ און שפּאָר־קאַסעס אין פארשיידענע פּונקטן.

7) **דער קאָאָפּעראַטיוון־צענטער** (מרכז הקואופרציה) — דער צענטער פון די אינדוסטריע־ און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון. מיטן „צענטער“ זיינען פארבונדן 71 קאָאָפּעראַטיוון מיט א מיטגלידערשאפט פון 1475. די פאכן זיינען: טראַנספּאָרט, מעטאַל, בוי־מאטעריאַלן, באַוואַסערונג, האָלץ, דרוקערייען, עסנוואַרג, רעסטאָראַנען, בעקערייען, א. אז. וו. דער גרונט־קאַפּיטאַל פון די קאָאָפּעראַטיוון איז 105,000 פונט.

8) „הסנה“ איז די פארזיכערונגס־געזעלשאפט פון דער הסתדרות. (געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם „אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער־פארבאַנד“).

9) **„קופּת חולים“** (דער קראנקן־פאָנד) איז אויך איינע פון די עלטערע אינסטיטוציעס פון דער ארבעטערשאפט. דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912. אין רשות פון קופּת

דער פאַך	א"י	פוילן	רומעניע	אוקראינע
הייזער־בוי און שאָסיי	30	2.9	7.3	1
מעטאַל	17.3	5.9	9.6	17.8
האָלץ	8.6	5.4	7.4	5.5
קליידונג	8.2	43.6	54.7	14.5
עסנוואַרג און סיגאַרעטן	7.9	12.5	7.7	16.6
דרוק און פּאַפּיר	6.7	3.4	2.1	9.4
טעקסטיל	4.7	13.7	5.9	4.2
שטיין, צעמענט				
א. אז. וו.	4.7	0.6	0.3	1.9
לעדער	4.6	5.1	3.3	13.3
עלעקטריע	2.8	1.0	—	1.5
כעמישע				
פּראָדוקציע	1.2	1.6	0.6	1.2
מינען	—	1.5	—	1.0
פאַרשיידענע	3.3	3.3	1.1	13,
	100	100	100	100

די קאָלעקטיוויסטישע באַוועגונג

ניט נאָר ווירטשאַפטלאַכע טאַטזאַכן און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס האָט די ארבעטערשאַפט געשאַפן אין ארץ־ישראל; זי האָט אויך געשאַפן נייע לעבנס־פאָרמען, סאָציאַליסטישע לעבנס־פאָרמען, וועגן וועלכע די ארבעטערשאַפט פון אנדערע לענדער מוזן דערווייל נאָר חלומ'ען.

אויך די דאָזיקע קאָלעקטיווע לעבנס־פאָרמען זיינען ניט דערשינען ערגעץ פון דער לופט. ווען ניט די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע די ארבעטער האָבן זיך געפונען, ווען ניט דער צוואַנג פון דער ווירקלאַכקייט, וואָלטן זיי אויך באַם אידישן ארבעטער געבליבן א צוקונפטס־חלום. אָבער עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז אין זייער שאַפונג האָט דער וואַגנדסטער און אונטערנעמערישסטער טייל פון דעם אידישן ארבעטער־קלאַס אַריינגעלייגט זיינע טיפסטע סאָציאַלע באַגערן, די ירושה פון א סך דורות בענקשאַפט נאָך א גערעכטערן און מער געלייטערטן לעבן.

די ערשטע קבוצה (לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָמונע) איז מיט מער ווי 25 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן אין דגניה, אין ירדן־טאָל. דאָס איז אויך געווען די ערשטע ארבעטער־ווירטשאַפט. עס איז געווען נאַטירלאַך, אַז די גרופּע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן כמעט מיט נאַקעטע הענט אָנגעהויבן בויען זייער ווירטשאַפט, זאָלן עס טאָן בשותפות'דיק. אָבער דאָס איז געווען ניט נאָר אַן אויסערלאַכער צוואַנג. א טייל חברים האָבן באַוואוסטזיניק געחלומ'ט און געפּלאַנט א נייע ווירטשאַפט־ און לעבנס־פאָרם, אין וועלכער עס וועט פאַר פּריוואַטן אייגנטום און קאָנקורענץ ניט זיין קיין פּלאַץ. ווי די דאָזיקע געמיינשאַפט וועט אויסקוקן, איז צום אָנהויב ניט געווען קלאָר — עס זיינען אָבער קלאָר געווען די אַלגעמיינע יסודות: געמיינשאַפטלאַכער אייגנטום, קאָלעקטיווע, דעמאָקראַטיש־געלייטעטע ארבעט, די באַפרייאונג פון דער פרוי פון דער פאַמיליע־ווירטשאַפט, געמיינשאַפטלאַכע קינדער־דערציאונג. באַם סוף פון דער מלחמה זיינען שוין אין לאַנד געווען א צענדליק קבוצות. זייער לעבנס־שטייגער איז נאָך געווען ווייט פון סטאַביליטעט. אפילו וועגן די גרונט־יסודות איז נאָך ניט געווען קיין אַלגעמיינע פאַרשטענדיקונג. אָבער די קבוצה האָט דערווייל באַוויזן צו ווערן דער לעבנס־אידעאַל פון טויזנטער יונגע מענטשן אין דער חלוצ'ישער באַוועגונג. טויזנטער נייע חלוצים האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אין ארץ־ישראל קיין לעבן אויסער דער קבוצה. אזוי איז אין דער פּעריאָדע פון שאָסיי־בויען געשאַפן געוואָרן די גרויסע קאָמונע „גדוד העבודה" — דער פאָרלויפער פון די איצטיקע קיבוצים. אין געגנזאַץ צו דער קליינער, לאָקאַלער, ריין לאַנדווירטשאַפטלאַכער קבוצה, איז דער „גדוד העבודה" געבויט געוואָרן אויף לאַנדס־מאַסשטאַב, געגלידערט אין א צאָל אָפּטיילונגען („פּלוגות"), ניט נאָר אין דאָרף און אין אייגענע ווירטשאַפטן, נאָר אויך אין שטאָט און אַלס לוין־ארבעטער. די אינערלאַכע יסודות זיינען אָבער געווען קאָמונאַלע. די הכנסה — סיי פון דער אייגענער ווירטשאַפט, סיי פון לוין־ארבעט — גייט אין דער קאַסע פון קיבוץ; לוין־ארבעט איז אין קיבוץ אָפּגעשאַפט. די קינדער־דערציאונג איז געמיינשאַפטלאַך, די פרוי איז ווי דער מאַן אַן ארבעטאָרין אין דער ווירטשאַפט. דער „גדוד העבודה" האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען, ביז ער האָט זיך אין יאָר 1928 פאַראייניקט מיט א צווייטן קיבוץ — קיבוץ עין חרוד, אונטערן נאָמען „הקיבוץ המאוחד".

מיר וועלן פּרואוון, אין א פּאָר שטריכן, געבן א באַגריף פון דער דאָזיקער גרויסער קאָמונע. דער „קיבוץ המאוחד" האָט אין זיין רשות 40 טויזנט דונאַם באָדן און 22 קאָלאָניזאַציאָנס־פּונקטן אין שטאָט און אין דאָרף, און א מיטגלידערשאַפט פון 3200 חברים און חברות. די חברים רעפּרעזענטירן כמעט יעדן אידישן ישוב אויף דער וועלט: פּוילן און תימן, דייטשלאַנד און אַמעריקע, סיריע און סאָוועט־רוסלאַנד, איראַק און ליטע. פון דייטשלאַנד אַליין האָבן זיך אין קיבוץ לעצטן יאָר אָנגעשלאָסן 400 חברים. אין קיבוץ לעבן מענטשן פון די פאַרשיידנסטע עלטערס—פון די אַלטע טאַטע־מאַמעס ביז די באַזונדערע גרופּן פון ארץ־ישראל'דיקער יוגנט, גראַדואירטע פון די גימנאַזיעס, וועלכע זיינען אַריבערגעגאַנגען צו אַן ארבעטער־לעבן.

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי פאַרצווייגט און קאָמפּליצירט די פּראָבלעמען פון אזא קאָמונע זיינען, וואָס פאַר א ערנסטע דערציערישע אויפגאַבן עס שטעלט פאַרן קיבוץ די פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע חברים. מענטשן פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן, מיט פאַרשיידענע קולטור־הינטערגרונטן, לעבן צוזאַמען. זיי מוזן זיך אויסלערנען פאַרשטיין איינער דעם אנדערן. כדי דער קיבוץ זאָל האָבן דערפאָלג, דאַרפן אין מענטשן זיך אַנטוויקלען אנדערע באַציאונגען צו ארבעט, אַן אנדער אויפפאַסונג פון געזעלשאַפטלאַכע פליכטן, פּערזענלאַכע איניציאַטיווע, אָן די געוויינלאַכע סטימולן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; פאַראַנטוואָרטלאַכקייט אַנשטאָט דער פּאַסיוויטעט, וועלכע ווערט פון ארבעטער געפּאָדערט אין א קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דער אידעאַל פון דער קבוצה, דאַרף מען געדענקען, איז ניט אַסקעטיזם, נאָר א רייכער, פרייער פּערזענלאַכער לעבן פון איין זייט, און די שטרענגסטע גלייכקייט פון פליכטן און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון דער אנדער זייט. עס איז שווער צו דערגרייכן אזא האַרמאָניע אונטער די שווערע באַדינגונגען פון ווירטשאַפט, וועלכע געפינט זיך אין פּראָצעס פון אויפבוי. אָבער אין די קבוצות מערקן זיך שוין א סך סימנים פון א נייעם לעבנס־שטייגער. מען קען שוין היינט אין דער קבוצה שפּירן א גאַנץ אייגנאַרטיקן לעבנס־ריטם. און דאָס דאָזיקע לעבנס־ריטם איז דאָס פאָרבילד פון צענדליקער טויזנטער יונגע מענטשן אין דער חלוצ'ישער יוגנט־באַוועגונג אין גלות.

אויסער דעם „קיבוץ המאוחד" עקזיסטירט א צווייטער קיבוץ — „קיבוץ ארצי של השומר הצעיר". דאָס איז די קאָמונע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר". דער דאָזיקער קיבוץ איז ניט נאָר א ווירטשאַפטלאַכע קערפּערשאַפט, נאָר אויך א באַזונדערע פּאָליטישע ריכטונג אין דער ארץ־ישראל'דיקער ארבעטער־באַוועגונג, דער לינקער פליגל פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער „קיבוץ ארצי של השומר הצעיר" האָט א מיטגלידערשאַפט פון 1900, אין 27 אָפּטיילונגען אין שטאָט און דאָרף.

די מערהייט פון דער קאָלעקטיוויסטישער באַוועגונג איז אָרגאַניזירט אין די גרויסע קיבוצים. א באַדייטנדע צאָל לעבן אָבער אין די אזוי־גערופענע קליינע קבוצות. אָבער אויך די

די אויבנגעבראַכטע ציפערן שליסן ניט איין די אַזוי־גערופֿענע אַרבעטאָרינס־ווירטשאַפטן (משקי פועלות), וואו אַ גרויסע צאָל אַרבעטאָרינס באַקומען אַ לאַנדווירטשאַפטלאַכע אויסבילדונג. עס זיינען פֿאַראַן 10 אַזעלכע ווירטשאַפטן — 4 אין די שטעט און 4 אין דאָרף. צווישן זיי די גרויסע אַרבעטאָרינס־ווירטשאַפט אין נס־ציונה אַף אַ שטח פון 500 דונאַם.

דער גרויסער אונטערשייד צווישן דעם כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט פון דעם פֿאַר־מלחמה פּעריאָד און דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד ליגט אין דער דערשיינונג פון אַ שטאָטישער אַרבעטערשאַפט. פֿאַר דער מלחמה האָבן מיר אין די שטעט פון ארץ־ישראל געקענט געפינען נאָר אַ קליין ביסל אומאָרגאַניזירטע בעלי־מלאכות. די בוי־אַרבעט איז געלעגן כמעט אינגאַנצן אין אַראַבישע הענט. אַן ענדערונג אין דער דאָזיקער לאַגע איז פֿאָרגעקומען ווען די ענגלישע רעגירונג האָט, גלייך נאָך דער אָקופּאַציע, אָנגעהויבן בויען אַ ריי נייע שאָסייען. דאָס איז פֿאָרגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט מיטן אַריינקומען פון דעם נייעם שטראָם חלוצים אין 1920־21. די הסתדרות האָט דעמאָלט געשאַפֿן אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוון אינסטרומענט פֿאַר דער דעראָבערונג פון אַרבעט אַפֿן געביט פון בוי־ און שאָסיי־אַרבעט — דעם אונטערנעמונגס־קאָאָפּעראַטיוו „סולל־בונה“, וועלכער האָט אין משך פון עטלאַכע יאָר געהאַט אַן אומזאַץ פון 1,500,000 פֿונט און וועלכער האָט אויסגעבילדעט הונדערטער פֿאַכלייט אין אַלע צווייגן פון הייזער־ און שאָסיי־בוי און שטיין־האַקעריי. אַלס אַ רעזולטאַט איז תל־אביב — וועלכע איז אין משך פון אַ פּאָר יאָר פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ קליינעם קוואַרטאַל אין אַ רעלאַטיוו־באַדייטנדער שטאָט — אינגאַנצן אויפֿגעבויט געוואָרן מיט אידישע הענט. אין די יאָרן 1921־27 איז די גרעסטע מערהייט פון די שטאָטישע אַרבעטער געווען באַשעפֿטיקט אין די פֿאַרשיידענע צווייגן פון דער בוי־אינדוסטריע. אָבער אין די לעצטע פּאָר יאָר פֿאַרנעמט די בוי־אַרבעט אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק קלענערן אָרט אין דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט. כאָטש אין דעם בוי־אַרבעטער פֿאַרבאַנד זיינען אויך איצט אָרגאַניזירט אַרום 3000 חברים. די סיבה פון דער דאָזיקער ענדערונג איז דער וואוקס פון דער אינדוסטריע.

ווי די אינדוסטריע איז געוואַקסן אין משך פ. ר יאָרן 1926־1932 קען מען זען פון די פֿאָלגנדע ציפֿערן: אין יאָר 1926 זיינען אין די שטעט געווען 3116 פֿאַבריק־אַרבעטער; סוף 1932 זיינען אין לאַנד געווען ניט ווייניקער פון 9000 אַרבעטער — דאָס הייסט, 26,5 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפֿט. עס זיינען צוגעקומען אַרום 4000 נייע אַרבעטער אין די טעקסטיל־, קאָנפֿעקטן־ און סיגאַרעטן־פֿאַבריקן אין תל־אביב, אין דער שווערער אינדוסטריע אין חיפה און אין די וועָרקשטאַטן אין ירושלים און די אַנדערע שטעט. באַדייטנד געוואַקסן איז אויך די צאָל פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער. אין יאָר 1932 זיינען אין לאַנד געווען 1200 טראַנספּאָרט־אַרבעטער — 6,3 פּראָצענט פון אַלע שטאָטישע אַרבעטער (אין יאָר 1926 זיינען געווען ניט מער ווי 630 טראַנספּאָרט־אַרבעטער — 3,6 פּראָצ.).

אַ וויכטיקער אויפֿטו פון אַ טעכנישן שטאַנדפּונקט איז די אַזוי־גערופֿענע קאָנצעסיע־ווירטשאַפֿט. דורכשניטלאַך 400 אַרבעטער האָבן אין משך פון 5 יאָר געאַרבעט אַף דער קאָנסטרוקציע פון דער דערוווייל וויכטיקסטער קאָנצעסיע: די עלעקטרישע סטאַנציע אַפֿן ירדן. צום ערשטן מאָל אין דער אידישער אַרבעטער־געשיכטע האָבן אידישע אַרבעטער געשאַפֿן אַזאַ ווערק. די אַרבעט איז, לויט דער מיינונג פון עקספּערטן, גלענצנד דורכגעפֿירט געוואָרן, ניט קוקנדיק אַף די שווערע נאַטור־באַדינגונגען און דעם טראָפּישן קלימאַט. אַ גרופּע רוטענבערג־אַרבעטער איז פֿאַרבליבן אין עמק הירדן, וואו זיי האָבן זיך קאָלאָניזירט. די אַרבעט אין דער צווייטער וויכטיקער קאָנצעסיע — די ים המלח קאָנצעסיע, האָט זיך ניט לאַנג צוריק אָנגעהויבן, און באַם ים המלח איז איבערנאַכט געשאַפֿן געוואָרן אַ נייער אידישער ישוב. אַ צאָל אַרבעטער האָבן זיך פֿאַרפֿולקומט אין די פֿאַרשיידענע צווייגן פון דער דאָזיקער אינדוסטריע.

שווער איז דער קאַמף פון דעם אידישן אַרבעטער אין דער רעגירונגס־ווירטשאַפֿט. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די רעגירונג נעמט דעם גרעסטן טייל פון אירע הכנסות פון דעם אידישן שטייערן־צאָלער, מוז מען זיך ראַנגלען און דינגען וועגן יעדן אידישן אַרבעטער באַ די פֿאַרשיידענע רעגירונגס־אונטערנעמונגען. די סיטואַציע האָט זיך ניט שטאַרק געענדערט אפילו נאָך דעם באַרימטן מעקדאָנאַלד־בריוו, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו באַשעפֿטיקן אַ גערעכטערע צאָל אידישע אַרבעטער. דאָך איז דער אידישער אַרבעטער — אַ דאַנק זיין אָרגאַניזירטקייט — אַריינגעדרונגען אויך אין דער רעגירונגס־ווירטשאַפֿט. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע דערפֿאָלגן האָבן די אידישע אַרבעטער געהאַט אין דער שטיין־האַקעריי פון חיפה׳ר פּאָרט און עתלית. די אַרבעט איז דורכגעפֿירט דורך דעם מרכז העבודה פון דער הסתדרות. די רעגירונג האָט די אידן אָנגעבאָטן 15 גרוש אַ טאָג, אַ גאַנץ הויכער פּרייז פֿאַר אַן אַראַבער, אָבער זייער נידעריק פֿאַר דעם בעסער־באַצאָלטן אידישן אַרבעטער. דער „מרכז עבודה“ האָט די אַרבעט איבערגענומען פון דער רעגירונג און האָט באַוויזן — אַ דאַנק דער קעגנזייטיקער פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט און זעלבסטפֿאַרוואַלטונג פון דעם קאָלעקטיוו — צו געבן די חברים אַ לוין פון 35 גרוש ריינעם ריוח. אויך אין חיפה׳ר פּאָרט איז דער אידישער אַרבעטער — מיט גרויסע אָנשטרענגונגען — אַריינגעדרונגען. אין 1932 האָבן אין פּאָרט געאַרבעט אַרום 250 אידישע אַרבעטער.

עס קען קיין ספק ניט זיין: אין משך פון די לעצטע דרייצן יאָר איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אַ געזונט־געגלידערטן אידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל. עס איז אויסגעוואַקסן אַ אידישער בוי־ און שאָסיי־אַרבעטער און אַ אידישער פֿאַבריק־אַרבעטער. דער אידישער אַרבעטער האָט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן, וועלכע זיינען אַלע אַנדערע אידישע אַרבעטער־קיבוצים געבליבן פֿרעמד. אָבער ניט קוקנדיק אַף דעם איז אויך די צאָל לאַנדווירטשאַפֿטלאַכע אַרבעטער געהאַלטן אין איין וואַקסן. די דאָרף־אַרבעטער זיינען אין יאָר 1932 געווען מער ווי 46 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפֿט. עס איז ניטאָ קיין אַנדער לאַנד אַף דער וועלט מיט אַן ענלאַכן פּראָפֿעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל. דאָס באַווייזט די פֿאָלגנדע טאַבעלע:

אידישער און ניט־אידישער פּראָפֿעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל אין פּוילן און ארץ־ישראל

(אין פּראָצענטן)

	ארץ־ישראל	פּוילן: אידן	פּוילן: ניט־אידן
לאַנדווירטשאַפֿט — — — —	30,85	4,3	49,6
אינדוסטריע און האַנטווערק —	26,5	43,6	12,4
הייזער־בוי און שאָסייען — —	11,76	2,9	8,1
טראַנספּאָרט — — — — — —	4,4	2,	5,5
באַאַמטע — — — — — — —	13,22	19,6	11,9
הויז־דינסט — — — — — —	6,5	18,	7,3

די צווייטע טאַבעלע באַווייזט עס נאָך קלאָרער דורך אַ פֿאַרגלייך פון די פֿאַכן פון אידישע אַרבעטער אין אינדוסטריע און הייזער־בוי אין ארץ־ישראל פון איין זייט, אין פּוילן, רומעניע און אוקראַינע פון דער אַנדער זייט:

דאַרף ווערן דער יסוד פונם נייעם ארץ־ישראל. ווי געזאָגט, האָט זיך דער אידישער ארבעטס־ווילן באַלד פון אָנהויב אָנגעשטויסן אַף דער גלייכגילטיקייט און פיינטשאַפט פון דעם עלטערן אידישן קאָלאָניסט. און נאָך יאָרן פון באַמיאונגען און פאָדערונגען האָט דער אידישער ארבעטער געמוזט זיך אַליין צוגעבן, אַז די אַלטע קאָלאָניע קען ניט ווערן דער קוואַל פון אַ באַנייאונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. ניט אויפגעבנדיק די פּאָזיציעס אין דער „מושבה" (קאָלאָניע), פאָרזעצנדיק דעם קאַמף פאַר רעכט אַף ארבעט, האָט דער אידישער ארבעטער אָנגעהויבן זוכן וועגן זיך אַרויסצורייסן פון דעם האָפנונגסלאָז־פאַר׳כשופ׳טן צירקל. עס הויבט זיך אָן דער קאַפּיטל „דער אידישער ארבעטער אַלס קאָלאָניזאַטאָר". עס ווערט געלייגט דער יסוד פון דער ארבעטער־לאַנדווירטשאַפט. ווען דער וואַפנשטילשטאַנד איז געשלאָסן געוואָרן (1919) האָט שוין דער אידישער ארבעטער־כלל געהאַט — אַפן יסוד פון דערפאַרונג, פון „עקספּערימענטירן" מיט זיך אַליין — אַ קלאָרן באַגריף, וואָס עס דאַרפן זיין די הויפּט־כאַראַקטעריסטיקן פון אַ אידישער ארבעטנדער לאַנדווירטשאַפט. און ווען די געלעגנהייט איז געקומען — ווען מען איז צוגעטראָטן צו דער קאָלאָניזאַציע פון עמק יזרעאל — איז די אידישע ארבעטערשאַפט געווען די איינציקע גרופּע, וועלכע איז דערצו געווען גרייט. און אין משך פון עטלאַכע יאָר האָט די אידישע און ציוניסטישע וועלט דערזען דעם וואונדער פון אַן אמת׳ן אידישן דאָרף, יענעם וואונדער, וועלכער איז כמעט יעדן אידן באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „עמק".

ווען מיר פּרואוון רעזומירן די דערגרייכונגען פון דער אידישער ארבעטערשאַפט אַף דעמדאָזיקן וויכטיקסטן געביט פונם ארץ־ישראל אויפבוי, אַפן לאַנדווירטשאַפטלאַכן געביט, האָבן מיר פאַר זיך די פאָלגנדע טאַטזאַכן:

ערשטנס, דער קאַמף פאַר ארבעט אינם קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר פון אידישן דאָרף.

עס איז אַלעמען באַקאַנט דער גרויסאַרטיקער וואוקס פון דער ציטרוס־זאָנע אין די לעצטע 7־8 יאָר. אין יאָר 1926 האָבן זיך אין אידישע הענט געפונען 10,500 דונאַם אָראַנזשן; אין יאָר 1932 — 94,000 דונאַם. די אָראַנזש־פּראָדוקציע איז אָבער געבויט — אין גאַנצן צו דער אַזוי־גערופענער „געמישטער ווירטשאַפט" — אין גרעסטן טייל אַף אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן באַזיס. און דאָס מיינט די געפאַר פון ניט־אידישער אַרבעט. דאָס מיינט, מער קאָנקרעט, אַז די טויזנטער ארבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין דעם אָראַנזשן־געביט, וואָלטן ניט געהאַט די מעגלאַכקייט אין לאַנד צו פאַרבלייבן. מען דאַרף אָבער ניט דענקען, אַז דאָס איז דער הסתדרות אָנגעקומען גרינג. דער אַלטער אידישער קאָלאָניסט, און אפילו דער נייער פּלאַנטאַטאָרן־עלעמענט, זיינען ניט זייער גערן צו מקריב זיין דעם אונטערשייד צווישן דעם לוין פון דעם ביליקן אַראַבער און דעם בעסער־באַצאָלטן אידישן אַרבעטער. (אויסערדעם וואָס דער אַראַבער איז „צופרידנשטעלנד" מיט זיין קנעכטישקייט און אונטערטעניקייט). דער אידישער ארבעטער האָט זיין פּאָזיציע אין דער ציטרוס־פּראָדוקציע דעראָבערט נאָר דורכן דרוק פון זיין אָרגאַניזירטקייט, איניציאַטיווע און פאַר׳עקשנ׳טן קאַמף. צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר אידישער ארבעט ווערט געפירט אַ קאַמף פאַר אַ מענטשלאַכן לוין און מענטשלאַכע ארבעטס־באַדינגונגען, אַ קאַמף וואָס ווערט אַלץ שווערער אַ דאַנק די פּראָוואָקאַטאָרישע פאַשיסטישע ארבעטער־גרופּן, וועלכע זיינען אַ ווערקצייג פון די קאָלאָניסטן געגן דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער.

אָבער די גרעסטע דערגרייכונג פון דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטערשאַפט אַפן לאַנדווירטשאַפטלאַכן געביט זיינען די אַרבעטער־ווירטשאַפטן. עס איז אוממעגלאַך צו געבן אין די גרעניצן פון אַ פּאַראַגראַף אין אַן אַרטיקל אפילו אַ שוואַכן באַגריף פון דעמדאָזיקן פּראַכטפולן בייטראָג פון דער ארבעטערשאַפט צום ציוניזם און צו דעם אידישן עקאָנאָמישן איבערבוי. עס איז אָבער גענוג צו זאָגן, אַז די ארץ־ישראל׳דיקע ארבעטערשאַפט האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער מאָדערנער תבואה־ווירטשאַפט און פאַר אַ וויסנשאַפטלאַכער מילך־ווירטשאַפט. די ערשטע ארבעטער־ווירטשאַפט, די קבוצה דגניה, איז געבויט געוואָרן אַף די דאָזיקע יסודות. דער ציל פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן איז געמישטע לאַנדווירטשאַפט, אַ ווירטשאַפט וואָס דאַרף, קודם כל, באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די אַרבעטער און ערשט נאָכדעם פּראָדוצירן פאַרן מאַרק. ווי וויכטיק דאָס איז קען מען פאַרשטיין, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין די סכנות פון אַ איינצווייגיקער ווירטשאַפט, ווי די אָראַנזשן־אינדוסטריע, וועלכע איז טאַקע איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן פון דעם ווירטשאַפטלאַכן אויפבלי פון ארץ־ישראל, וועלכע איז אָבער אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אַן אויסלענדישן מאַרק מיט אַלע זיינע אומזיכערקייטן. פון די ארבעטער־רייען איז געקומען דער ערשטער רוף צו איינטיילן ארץ־ישראל אַף פאַרשיידענע זאָנעס, לויט דעם באָדן־טיפּ אין יעדער זאָנע. דעם לאַנדווירטשאַפטלאַכן אַרבעטער האָט געצויגן דער שווערסטער פראָנט — די געמישטע ווירטשאַפט, וואו עס איז ניטאָ די פּערספּעקטיווע פון גרינגע פאַרדינסטן און וועלכע האָט נאָך ניט דעראָבערט קיין באַדייטנדע אויסלענדישע מאַרקן. די גרויסע טעכניש־לאַנדווירטשאַפטלאַכע אויפגאַבע פון דער געמישטער ווירטשאַפט איז צו שאַפן אַ ביליקע מאַסן־פּראָדוקציע, וועלכע זאָל זיין קאָנקורענץ־פייאיק אַפן מאַרק, און וועלכע זאָל דעם אידישן לאַנדווירטשאַפטלאַכן אַרבעטער דערלויבן צו פירן אַ באַשיידענעם קולטור־לעבן. עס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע, אָבר דער ציל ווערט אַלץ נעענטער.

סך הכל פאַרמאָגט די ארבעטערשאַפט מער ווי 60 לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּונקטן אַף אַ שטח פון 151,671 דונאַם. די צאָל פון די ווירטשאַפט־איינסן איז 2602.

אין די לעצטע יאָרן איז דער נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַל („קרן היסוד") געווען כמעט אינגאַנצן אומטעטיק אַפן קאָלאָניזאַציאָנס־געביט. אָבער אפילו דאָס האָט ניט געמאַכט קיין סוף צום קאָלאָניזאַציאָנס־הונגער פון דעם דאָרף־אַרבעטער. די טויזנטער אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט אין די קאָלאָניעס, האָבן פון זייער מאָגערן לוין אָנגעהויבן שפּאָרן אַף זייער קאָלאָניזאַציע. הונדערטער אַרבעטער האָבן זיך אין משך פון די לעצטע יאָרן קאָלאָניזירט נעבן די קאָלאָניעס וואו זיי זיינען באַשעפטיקט. דורך דער סיסטעם פון „דרויסנדיקער" אַרבעט אין די קאָלאָניעס מיט אַרבעט אין דער אייגענער ווירטשאַפט האָפן זיי צו קומען צו אַן אייגענער ווירטשאַפט. די אַרבעטער־באַנק און „ניר" — די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות — האָבן די דאָזיקע גרופּן אַ סך אַרויסגעהאָלפן, אָבער זיי נויטיקן זיך זייער שטאַרק אין לאַנג־טערמינדיקע הלוואות.

סומירנדיק קען מען זאָגן, אַז אין דאָרף אַרבעטן דריי טיפּן אַרבעטער:

א) קאָלאָניזירטע אַרבעטער, וועלכע לעבן אין זייערע אייגענע ווירטשאַפטן — 3306 חברים (מער ווי 24 פּראָצענט, 1816 חברים, 1490 חברות).

ב) לאַנדווירטשאַפטלאַכע לוין־אַרבעטער — 6747 (48,8 פּראָצענט, 4142 אַרבעטער, 1437 אַרבעטאָרינס, 1168 אַרבעטער־פּרויען).

ג) לוין־אַרבעטער, וועלכע בויען אַן אייגענע ווירטשאַפט (27,2 פּראָצענט, 2020 אַרבעטער, 673 אַרבעטאָרינס, 1071 אַרבעטער־פּרויען).

דאָס הייסט, אַז מער ווי אַ דריטל קאָלאָניע־אַרבעטער האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר זייער קאָלאָניזאַציע. צוזאַמען מיט די פולשטענדיק־קאָלאָניזירטע אַרבעטער מאַכן זיי אויס 51,2 פּראָצענט פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער.

חברות, וועלכע ווערט דערוויילט פון ארבעטארינס־צוזאמענפארן, וועלכע קומען פאר פון צייט צו צייט. די „מועצת הפועלות“ פארנעמט זיך מיט די ספעציעלע פראבלעמען פון דער ארבעטער־פרוי. זי באמיט זיך צו שאפן נייע פאזיציעס פאר דער ארבעטער־פרוי. זי ארגאניזירט ארבעטארינס־קאלעקטיוון און לאנדווירטשאפטלאכע לערן־ווירטשאפטן (משקי פועלות). אין די לעצטע פאר יאר האט די „מועצה“ געמאכט עטלאכע שיינע פארזוכן צו שאפן ארגאניזאציעס פון ארבעטנדע מוטערס און „דעי נוירסעריס“ פאר זייערע קליינע קינדער.

ו) פרעסע. „דבר“ — די טעגלאכע הסתדרות צייטונג, האט אנגעהויבן דערשיינען אין יוני, 1925. צום „דבר“ ווערן צוגעלייגט פארשיידענע ביילאגעס: א ליטעראַרישע, א היגיעניִשע, א ווירטשאפטלאכע און א ספארט־ביילאגע. די הסתדרות גיט אויך ארויס א יוגנט־צייטונג „במעלה“ (ארגאן פון דער הסתדרות הנוער העובד) און „השדה“ — א לאנדווירטשאפטלאכע פאך־מאנאטשריפט. אויסערדעם דערשיינען מער אדער ווייניקער רעגלמעסיק ארגאנען פון די פארשיידענע פראפעסיאנעלע פארבאנדן (אנגעשטעלטע, דרוק־ארבעטער, א. אז. וו.). באם „דבר“ עקזיסטירט אויך א פארלאג, וועלכער האט שוין ארויסגעגעבן א רייע ביכער: בענדער לידער פון די אינגערע העברייאישע דיכטער, דערציילונגען, וויסנשאפטלאכע ווערק, און אזוי ווייטער.

עס דארפן אויך דערמאנט ווערן דריי ספעציעלע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען אן אינטעגראלער טייל פון דער הסתדרות: **הסתדרות הנוער העובד** — די ארבעטער יוגנט־ארגאניזאציע, אין וועלכער עס גייען אריין אלע יונגע ארבעטער וועלכע זיינען אונטער 18 יאר אלט. די הסתדרות הנוער העובד האט דיזעלבע פראפעסיאנעלע סטרוקטור ווי די הסתדרות; **„הפועל“** איז דער נאמען פון דעם ארבעטער ספארט־פארבאנד, וועלכער האט א מיטגלידערשאפט פון 4200, אויסער קינדער־גרופן מיט 800 מיטגלידער. עס ווערט אויך געפלאנט אינגיכן צו ארגאניזירן א ספארט־ווע סקאוטן־ארגאניזאציע פון „הפועל“. אין „הפועל“ זיינען פאראן דריי ספעציעלע ספארט־פאראייניקונגען, — האנט־ און פוס־באל, א פארבאנד פון ארדנונגס־האלטער, און א ים־ספארט־פאראייניקונג. דער פארבאנד פארנעמט זיך מיט 16 ספארט־צווייגן און איז פארבונדן מיט די „הפועל“־ארגאניזאציעס אין די גלות־לענדער.

אין די לעצטע יארן האט די הסתדרות א באזונדערע **אראבישע אפטיילונג**. די דאזיקע ארבעט איז פארבונדן מיט א סך שוועריקייטן צוליב דער פרימיטיווקייט און האלב־פויערישן כאראקטער פון אראבישן ארבעטער. דאך זיינען א טייל אנשטרענגונגען געקריינט געווארן מיט דערפאלג, באזונדערס אין חיפה. די הסתדרות לייגט אריין א סך ענערגיע אין דער דאזיקער צום אנהויב אומדאנקבארער ארבעט, ווייל זי איז איבערצייגט, אז שלום און אידיש־אראבישע פארשטענדיקונג וועלן מעגלאך זיין נאר דאן, ווען די אראבישע ארבעטנדע מאסן וועלן אנהויבן פארשטיין, אז זייערע אינטערעסן דעקן זיך ניט מיט די אינטערעסן פון די עפענדים און קאפיטאליסטן, וועלכע שטייען הינטער דעם אידיש־פיינטלאכן און רעאקציאנערן אראבישן נאציאנאליזם.

ניט קוקנדיק אף דאס פעלן פון די נויטיקע מיטלען, האט די הסתדרות א סך געהאלפן ביי יעדן פארזוך פון אראבישער ארבעטער־טעטיקייט. זי האט ארויסגעגעבן אן ארגאן אין אראביש, האט געהאלפן מיט ראט און טאט דורכפירן א צאל סטרייקס און האלט אויס עטלאכע אראבישע ארבעטער־קלובן.

צום סוף דארף געזאגט ווערן, אז די הסתדרות איז די ארץ־ישראל׳דיקע סעקציע פון דעם פראפעסיאנעלן (אזוי־גערופענעם אמסטערדאמער) אינטערנאציאנאל.

„די דעראבערונג פון ארבעט“

ווען יונגע ציוניסטן און פועלי־ציון האבן ארום 1904 אנגעהויבן קומען קיין ארץ־ישראל, שטרעבנדיק דארטן צו לעבן אן ארבעטער־לעבן האבן זיי אין ארץ־ישראל געפונען די ערשטע שיכט ציוניסטישע חלוצים — די בילו׳ים. אבער זייערע פארלויפער זיינען פאר זיי געווארן א גרויסע אנטוישונג באלד פון די ערשטע באגעגעניִשן. אנשטאט א אידישן פויערטום, פארווארצלט אין באדן, וועלכער שאפט א טיפ איד וואס איז גרונטפארשיידן פון דער גרויסער מערהייט אידן אין גלות, האבן זיי געפונען אלטע באקאנטע — מעקלער, פארמיטלער און פאראזיטן. דער אידישער פויער איז בעצם געוועזן א פרוכט־סוחר, וועמענס באדן עס ווערט באארבעט פון פרעמדע הענט. אבער דאס איז אין ארץ־ישראל בפירוש א נאציאנאלע געפאר. געפערלאך דערפאר, וואס די עקזיסטענץ פון א קלאס פון אידישע ארבעטס־געבער און אראבישע ארבעטס־נעמער גראבט אונטער די יסודות פון א מעגלאכן פרידלאכן צוזאמענלעבן פוןביידע פעלקער און גיט זייערע באציאונגען א **סאציאלן** כאראקטער. און געפערלאך דערפאר, וואס דער באיקאט געגן אידישן ארבעטער מאכט אוממעגלאך פארן מיטלאזן ארבעטס־זוכענדן אימיגראנט צו פארבלייבן אין לאנד. דער יונגער אידישער ארבעטער האט אויך באלד געקראגן די מעגלאכקייט צו לערנען, וואס פאר א ווירקונג די דאזיקע סטרוקטור האט געהאט אפן כאראקטער און לעבנס־שטייגער פון דעם אידישן קאלאניסט, ווי אפהענגיק, ווי קנעכטיש, ווי ציניש אט די דאזיקע געוועזענע נאציאנאלע אידעאליסטן זיינען געווארן. דער אידישער ארבעטער איז דורכגעדרונגען געווארן מיט גרויס זארג וועגן דער צוקונפט פונם אידישן ישוב און פונם ציוניזם. און די עטלאכע הונדערט יונגע מענטשן זיינען אין לאנד פארבליבן מיט אן עקשנות׳דיקן אנטשלוס: צו בויען ווייטער, פארזעצן די ארבעט פון די ערשטע פיאנערן, אבער אף א נייעם געזונטן יסוד, אף א יסוד וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין איין ווארט: **ארבעט**. דער לאזונג פון אידישן ארבעטער איז געווארן: „דאס אריינדרינגען פונם אידישן ארבעטער אין אלע פאכן און ארבעטס־געביטן — איז א נויטווענדיקער פארבאדינג פאר דער פארווירקלאכונג פונם ציוניזם“. ארבעט, אן ארבעטנדע ארץ־ישראל, אידיש באדן באארבעט פון אידישע הענט — איז געווארן דער אידעאל, דאס קוואל פון מאראלישן פאטאס פונם אידישן ארבעטער.

דער דאזיקער קאמף פון „כבוש העבודה“ (די דעראבערונג פון ארבעט) האט געהאט — און האט נאך עד היום — צוויי זייטן. פון איין זייט דער קאמף פאר **ארבעטס־מעגלאכקייטן**; פון דער אנדער זייט די אנשטרענגונג „**זיך** צו דעראבערן פאר דער ארבעט“, צו אנטוויקלען ארבעטס־פייאיקייטן און ארבעטס־דערפינדערישקייט, צו ווערן ארבעטס־שעפעריש. די פירער און גייסטיקע ווארט־זאגער פון דער צאלמעסיק קליינער ארבעטערשאפט — אין דער ערשטער ריי יוסף חיים ברענער און דער אלטער לאנדווירטשאפטלאכער ארבעטער און דענקער א. ד. גארדאן — האבן ניט אויפגעהערט צו דערמאנען, אז ארץ־ישראל וועט זיין אונזערס, אז מיר וועלן האבן א רעכט אף אונזערע ווירטשאפטן און אונזער באדן נאר דאן, ווען מיר וועלן עס באארבעטן מיט אונזערע אייגענע הענט. ביסלאכווייז איז דער דאזיקער געדאנק אריינגעדרונגען אין דער ציוניסטישער און אידישער עפנטלאכקייט און איז געווארן איינער פון די הויפט־עיקרים פונם ארץ־ישראל אויפבוי.

אין די פאר־מלחמה יארן האבן זיך די אנשטרענגונגען פון דעם אידישן ארבעטער קאנצענטרירט אף איין געביט — **לאנדווירטשאפט**. ערשטנס דערפאר, ווייל ׳מען האט ניט געזען קיין פערספעקטיוון פאר אן ארץ־ישראל׳דיקער אינדוסטריע, און צווייטנס, ווייל צוזאמען מיט דער אידייע פון ארבעט האט דער אידישער ארבעטער אויך באטאנט דעם געדאנק, אז לאנדווירטשאפט, די פראדוקציע פון די עלעמענטארסטע באדערפעניִשן,

עס איז געווען א גרויסער מאָמענט פאר אלע באַטייליקטע, ווען די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן. צום ערשטן מאָל זיינען זיך צוזאמענגעקומען די פארהארטעוועטע „פועלים ותיקים" (אלטע ארבעטער) מיט זייערע אינגערע, טאַטלוסטיקע, פרישע חברים־חלוצים. פון זיין ווינקל באַם קאָרעספאָנדענטן־טיש, האָט די פארהאנדלונגען נאָכגעפאָלגט — ניט ווי קיין קאָרעספאָנדענט, נאָר ווי א חבר — יוסף חיים ברענער, דער גרויסער שריפט־שטעלער און אמת־זוכער, וועלכער איז אין משך פון מער ווי א צענדליק יאָר מיטגענאנגען מיט דער „צווייטער עליה" אין אלע אירע זוכענישן און אָנשטרענגונגען, טיילנדיק אירע ליידן און פריידן. זיין מאָראַלישע אויטאָריטעט, זיין שנאה צו קליינלאַכקייט און פוסטע ווערטער האָט באַהערשט די פארזאמלונג. ווען די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן, איז ער מיט א זאַק העפטן פון זיין זשורנאל „האדמה" (די ערד) אַוועקגעגאנגען אין לאַגער פון די שאָסיי־בויער באַם כנרת, וואו ער האָט געאַרבעט אלס א לערער. דאָס איז געווען זיין לעצטער ארבעטער־צוזאמענפאָר; ער איז אומגעקומען אין די טראגישע אומרועז, אין מאַי, 1921.

די סטרוקטור פון דער הסתדרות

די ארץ־ישראל׳דיקע ארבעטער־באַוועגונג איז ניט און קען ניט זיין קיין גענויע קאָפּיע פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין אנדערע לענדער; אויך די פאָרמען פון איר אָרגאַניזאַציע קענען ניט זיין קיין קאָפּיע פון פרעמדע מאָדעלן. דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטער קומט אין לאַנד ניט צופעליק. ער איז על־פי רוב פאר זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל קיין ארבעטער ניט געווען. סיי ווען זיין אימיגראציע קיין ארץ־ישראל איז באַשטימט געוואָרן דורך עקאָנאָמישע מאָטיוון, סיי ווען ס׳איז געקומען אלס פרייוויליקער פערזענלאַכער אנטשלוס—אין ביידע פאלן איז דאָס איבערפאָרן קיין ארץ־ישראל באַגלייט געוואָרן פון איבער־פערזענלאַכע נאַציאָנאַלע דערוואַרטונגען און האָפנונגען. אויסער־דעם דאַרף מען געדענקען, אַז דער פּיאָנער און איניציאַטאָר פון א אידישער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען ניט דער קאַפּיטאַליסט, נאָר פאַרקערט — דער ארבעטער. דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטער איז געווען ניט נאָר אַן ארבעטס־נעמער, נאָר הויפּטזעכלאַך א ווירטשאַפט־בויער און ארבעטס־שאַפער. אָט די אלע אויפגאבן האָבן פאר זיך ניט די אייראָפּייאישע ארבעטער־באַוועגונגען.

פאַר די שאַפער פון דער הסתדרות איז געשטאַנען די פּראָבלעם, ווי אַזוי פאַראייניקט מען די פּראָפעסיאָנעלע, ווירטשאַפט־לאַך־קאָאָפּעראַטיווע און קולטור אַרבעט פון דער ארבעטערשאַפט אין איין אָרגאַניזאַציע? די פראגע איז שארפער געוואָרן מיטן וואוקס פון די ארבעטער־אינסטיטוציעס און ווירטשאַפטן. עס האָט אין דער הסתדרות געהערשט אַן אומרואיקייט וועגן דער מעגלאַכקייט, אַז ווען די ארבעטער־ווירטשאַפטן וועלן אָנהויבן ארייַנברענגען פּראָפיטן וועלן זיי זיך ביסלאַכווייז אָפּרייסן פון דער ארבעטער־באַוועגונג און פארוואנדלט ווערן אין געוויינלאַכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, ווי עס האָט געטראָפן מיט קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין א סך אייראָפּייאישע לענדער.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פונם צווייטן צוזאמענפאָר פון דער הסתדרות (1923), און דאָרטן איז אויך געשאַפן געוואָרן די פאָרם פאר דעם קאָנטראָל פון דעם ארבעטער־כלל איבער זיינע ווירטשאַפטלאַכע אונטער־נעמונגען — די אַזוי־גערופענע „חברת עובדים" (ארבעטער גע־זעלשאַפט). חברת עובדים איז די יורידישע פאָרם פון דער הסתדרות,—די הסתדרות אלס א פון דער רעגירונג רעגיסטרירטע „קאָאָפּעראַטיווע ארבעטער געזעלשאַפט". אלע ווירטשאַפטלאַכע ארבעטער־אינסטיטוציעס זיינען „טאָכטער־געזעלשאַפטן" פון דער „חברת עובדים". אין די מערסטע ארבעטער־אינסטיטוציעס האָט די עקזעקוטיווע פון דער „חברת עובדים" 51 פּראָצענט פון די אַקציעס. אַזוי איז פארזיכערט געוואָרן, אַז די ארבעטער־ווירט־שאַפט איז דאָס אייגנטום פון ארבעטער־כלל, וועלכער איז אָר־גאַניזירט אין דער הסתדרות.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור איז די פאָלגנדע: אויפן לאַנד־מאַסשטאַב איז דער איינס („יוניט") פון דער הסתדרות די **אינדוסטריעלע** יוניאָן, ווי צום ביישפּיל דער פארבאַנד פון לאַנדווירטשאַפטלאַכע ארבעטער, דער פארבאַנד פון אייזנבאַן, פּאָסט און טעלעגראַף ארבעטער; דער פארבאַנד פון בוי־ און שאָסיי ארבעטער, און אַזוי ווייטער. לאָקאַל איז דער אָרגאַניזאַציאָנס־איינס פון דער הסתדרות — דער ארבעטער־ראַט („מועצת הפועלים").

באַ יעדן ארבעטער־ראַט פונקציאָנירט אַן ארבעטס־ביוראָ („לשכת עבודה"). די גרעסטע מערהייט חברים פון דער הסתדרות באַקומען ארבעט דורך די ארבעטס־ביוראָס.

אויסערדעם פונקציאָנירן א רייע אָרגאַנען, וועלכע קאָאָרדינירן די פארשיידענע טעטיקייטס־געביטן פון דער הסתדרות. (אין דעם זיינען ניט אריינגערעכנט די ווירטשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלן באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.)

א) **די אימיגראַציע־ביוראָ** (מרכז העליה), וועלכע איז אין דער זעלבער צייט די אויסלענדישע ביוראָ פון דער הסתדרות. די דאָזיקע ביוראָ פארבינדט דעם ארץ־ישראל׳דיקן אַוואַנגאַרד מיט דער פארצווייגטער באַוועגונג, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם ארבעטנדן ארץ־ישראל אין חוץ־לארץ, און אין דער ערשטער רייע מיטן „החלוץ" און די פארשיידענע חלוצ׳ישע יוגנט־באַוועגונגען.

ב) **דער אַרבעטס־צענטער** („מרכז העבודה"). אַף דעם דאָזיקן זייער וויכטיקן אָרגאַן ליגט די אויפגאַבע פון פארגרעסערן די מעגלאַכקייטן פון אידישער אַרבעט. דער „מרכז העבודה" פירט דעם קאַמף פאר דאָס רעכט אַף ארבעט פון דעם אידישן ארבעטער אין דער רעגירונגס־ווירטשאַפט; ער רעגולירט אויפן לאַנד־מאַסשטאַב די אַרבעט־צעטיילונג. א דאַנק די באַמיאונגען פונם „מרכז העבודה" זיינען אידישע ארבעטער אריינגעדרונגען אין חיפה׳ר פּאָרט, אין די ים המלח ארבעטן, און אַזוי ווייטער.

ג) **די קולטור־קאָמיסיע** („ועדת התרבות") פירט אָן מיט א ברייטן און פארצווייגטן טעטיקייט־פעלד. זי האָט גרויסע דערגרייכונגען צו פארצייכענען אויפן געביט פון פארשפּרייטן העברייאיש צווישן די מאַסן, וואָס זי טוט דורך א רייע אָוונט־קורסן; זי פירט אָן מיט לעקציעס, סעמינאַרן, א גרויסע וואַנדער־ביבליאָטעק, לייען־שטובן, פּראָפעסיאָנעלע קורסן, שפּאַצירן מיטן צוועק פון זיך באַקענען מיטן לאַנד. איר וויכטיקסטער אויפטו איז דאָס נעץ פון שולן פאר ארבעטער־קינדער. אין די שולן און קינדער־גערטנער פון דער „ועדת התרבות" לערנען אַרום 2,000 שילער. די „ועדת התרבות" האַלט אויך אויס דעם וואַנ־דערנדן ארבעטער־טעאַטער „אהל", א טרופּע פון ארבעטער־קינסטלער, וועלכע האָט אין משך פון די עטלאַכע יאָר פון איר עקזיסטענץ גלענצענד אויפגעפירט דראַמעס פון י. ל. פּרץ, הייער־מאַנס, וואָלף, לייוויק, א. אַז. וו.

ד) **דאָס הסתדרות־געריכט** איז די וויכטיקסטע אויטאָרי־טעט אין אלע סיכסוכים צווישן אינסטיטוציע און אינסטיטוציע און חבר און חבר. אויסער דעם העכערן געריכט באַ דער עק־זעקוטיווע פונקציאָנירן אויך לאָקאַלע געריכטן באַ יעדן ארבע־טער־ראַט.

ה) **„מועצת הפועלות"** (דער ארבעטאָרינס־ראַט). באַ דער עקזעקוטיווע פון דער הסתדרות פונקציאָנירט א ראַט פון

---

*) אין 1929 האָט זיך אויך פאַרענדיקט דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר פאַראייניקונגס־פּראָצעס פון דער מערהייט ארץ־ישראל׳דיקע ארבעטער. ווען „הפועל הצעיר" און „אחדות העבודה" האָבן זיך פאַראייניקט אין דער „מפלגת פועלי ארץ־ישראל" (די ארץ־ישראל׳דיקע ארבעטער פּאַרטיי).

13 יאָר הסתדרות

ש. גראַדזענסקי

דער גרונטשטיין ווערט געלייגט.

די מלחמה־יאָרן זיינען פאַר דער „ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטער־משפחה“ — ווי די עטלאכע הונדערט פּיאָנערן פון דער איצטיקער טויזנט־קעפּיקער אַרבעטערשאַפט האָבן זיך אַליין גערופן — אוועקגעגאַנגען אין הונגער, רדיפות מצד דער טערקישער מאַכט, פאַרשיקונגען און אַרעסטן. דאָך איז דער גייסט וועלכער האָט אָט די מענטשן אין לאַנד געבראַכט און אויפגעהאַלטן, ניט געבראָכן געוואָרן. אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט, פון די גרויסע אידישע קיבוצים, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיינען די ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל, אַז זיי לעבן ערב א נייער פּעריאָדע, א פּעריאָדע וועלכע טראָגט אין זיך גרויסע ענדערונגען פאַר דער גאַנצער וועלט, און אויך פאַרן אידישן פאָלק. צו דעם טאָג, ווען ארץ־ישראל וועט באַקומען א נייעם סטאַטוס, ווען דער ציוניזם וועט אָנהויבן פאַרווירקלאַכט ווערן אויף א גאָר נייעם, גרויסן מאַסשטאַב, האָבן די ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער זיך אין דער שטיל געגרייט.

אין משך פון דעם צענדליק פאַר־מלחמה־יאָרן, וואָס עס האָט אין ארץ־ישראל עקזיסטירט א מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך צווישן אירע חברים ביסלאַכווייז אַרויסגעקריסטאַליזירט א געמיינשאַפטלאַכער קוק אויף די ציל, און וואָס איז א סך וויכטיקער, די מעטאָדן פון ארץ־ישראל׳דיקן אויפבוי. ביסלאַכווייז האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און פּאַרטיי־פאָראורטיילן, וועלכע זיי האָבן מיט זיך אימפּאָרטירט פון זייערע געבורטס־לענדער. די יעניקע, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען פון זיך צופּאַסן צום לאַנד, מיט זיינע נייע באַדינגונגען, האָבן ביסלאַכווייז פון די באַדינגונגען אָנגעהויבן צו לערנען, אַנשטאָט צו פּרוּוון אויפן לאַנד אַרויפצווינגען זייערע פאָראויסבאַשטימטע מיינונגען. דאָך זיינען ביז נאָך דער מלחמה פאַרבליבן אין ארץ־ישראל די אַלטע, פון אייראָפּע געבראַכטע פּאַרטיי פאָרמאַציעס. בעצם זיינען די ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער געווען אָרגאַניזירט אין דריי גרופּן: פּועלי־ציון, הפּועל הצעיר, און די הסתדרות הפּועלים החקלאיים. די פּועלי־ציון פּאַרטיי, די ארץ־ישראל׳דיקע סעקציע פונם פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד, האָט פאַרטראָטן די אידעאָלאָגיע פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין אייראָפּע, ווי זי האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין די אידייען פון ב. באָראָכאָוו. דער „הפּועל הצעיר“ איז געווען גייסטיק מער פאַרוואַנדעט מיט די ווערטן פון דער יונגער העברייאישער קולטור, מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט געלייגט דעם אַקצענט אויפן קאַמף פאַר אידישער אַרבעט און האָט זיך באַצויגן מיט אינדיפערענץ צו אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פאַרבינדונגען. צו דער הסתדרות הפּועלים החקלאיים (לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) האָבן געהערט בעיקר יענע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער, סיי פּאַרטיי־מענטשן, סיי אומפּאַרטייאישע, וועלכע זיינען געווען מער פאַראינטערעסירט אין ווירטשאַפטלאַך־קאָלאָניזאַטאָרישע דערגרייכונגען, אין דעם וואוקס פון א וואָגיקן אַרבעטער־כח אין לאַנד, מיט אַן אייגענער, פון נייעם לעבנס־שטייגער אַרויסגעוואַקסענער קולטור־פיזיאָנאָמיע, ווי אין אַלטע טעאָרעטישע פאָרמולעס. ווי געזאָגט, האָבן אָט די אימפּאָרטירטע פאָרמולעס און פּראָגראַמען ביסלאַכווייז אַלץ מער און מער אָנגעוואָרן זייער זין אַלס א צעשיידונגס־פאַקטאָר. ביסלאַכווייז האָט די גאַנצע באַוועגונג אָנערקענט, אַז די קאָנקרעטע הויפּט־אויפגאַבע איז און מוז זיין דער קאַמף פאַר „כבוש העבודה“ (דעראָבערונג פון אַרבעט); עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן די אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישע אויסזעצונגען געגן אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע; די גאַנצע באַוועגונג (מיט זייער קליינע אויסנאַמען) איז געוואָרן דער וויכטיקסטער העברייאיזירנדער פאַקטאָר אין לאַנד. פון דער אַנדער זייט האָבן די גרויסע שינויים, וועלכע זיינען — אין גרויסער מאָס א דאַנק דעם וואוקס פון דער השפּעה פון דער מער אומדאָגמאַטישער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי — פאָרגעקומען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און באַזונדערס די געענדערטע באַציאונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג צום ציוניזם און צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געשאַפן די מעגלאַכקייט פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פאַרבינדונגען.

די פראַגע פון **איחוד**, פון פאַראייניקונג פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט איז רייף געוואָרן; אַקטועל איז זי געוואָרן מיטן אָנקומען פון דעם **אידישן לעגיאָן** פון אַמעריקע, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען די פירער פון דער ארץ־ישראל׳דיקער פּועלי־ציון פּאַרטיי, די חברים בן־צבי און בן־גוריון, וועלכע זיינען במשך די מלחמה־יאָרן דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אַמעריקע. דער ערשטער שריט צום **איחוד** איז געמאַכט געוואָרן, ווען די פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט זיך אויפגעלייזט און האָט גערופן צו א פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז סוף 1919 פאָרגעקומען אין פּתח־תקוה, אָבער די באַשטרעבונגען פון זיינע איניציאַטאָרן זיינען ניט אינגאַנצן פאַרווירקלאַכט געוואָרן. אַנשטאָט אַן אַלגעמיינער פאַראייניקונג איז געשאַפן געוואָרן בלויז א פאַראייניקונג פון די פּועלי־ציון מיט די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, אונטערן נאָמען „אחדות העבודה“. די מינדערהייט, די פאָרשטייער פון „הפּועל הצעיר“ האָבן ניט געקענט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג בנוגע דער פאַראייניקונגס־פּראָגראַם. אַזוי אַרום זיינען אין ארץ־ישראל במשך פון א יאָר פאַרבליבן צוויי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווירטשאַפטן, קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטס־ביוראָס — „אחדות העבודה“ און „הפּועל הצעיר“.

דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געקענט אָנהאַלטן. ענדע 1919 הויבט אָן אַריינשטראָמען קיין ארץ־ישראל א נייע חלוצים־כוואַליע. פון רוסלאַנד רייסן זיך דורך דורך מלחמה־פראָנטן און בלאָקאַדע־גרענעצן הונדערטער חברים פון „החלוץ“ אונטער דער פירערשאַפט פון יוסף טרומפּעלדאָר. פון פּוילן רייסן זיך טויזנטער חברים פון „צעירי ציון“, פון גאַליציע — די חברים פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר“. די גרעסטע מערהייט פון די ניי־אָנגעקומענע ווילן ניט שלום מאַכן מיטן פאַקט פון א געשפּאָלטענער אַרבעטערשאַפט. אונטער זייער דרוק ווערט סוף כל סוף פאַררופן, חנוכה 1920, דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער **הסתדרות**.

די הסתדרות איז געשאַפן געוואָרן אַלס א קאָמפּראָמיס צווישן די וועלכע האָבן געוואָלט שאַפן **איין** אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט **אַלע** אַרבעטער־אַקטיוויטעטן, פּראָפעסיאָנעלע, ווירטשאַפטלאַכע, קולטורעלע און פּאָליטישע, און צווישן די אָנהענגער פון א ריין־פּראָפעסיאָנעל־ווירטשאַפטלאַכער און אויך קולטורעלער פאַראייניקונג. געזיגט האָבן די לעצטע. די פּאָליטיש־קולטורעלע טעטיקייטן איז ווייטער פאַרבליבן אין רשות פון די פּאַרטייען — „אחדות העבודה“ און „הפּועל הצעיר“ — וועלכע זיינען ווייטער געבליבן עקזיסטירן. אָבער די טאָג־טעגלאַכע, קאָנקרעטע אַרבעט ווערט פון 1920 געטאָן אונטער איין דאַך — פון דער הסתדרות העובדים העברים הכללית בארץ־ישראל (די אַלגעמיינע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל).*)

גרייכונגען וועלכע ער האָט נאָך געדאַרפט מאַכן. די באַוועג־שפּיצן, וועלכע עס האָבן נאָך אַף אים אונטערגעקוקט.

דאָס איז דער אנגעווייטיקסטער פונקט. די ארבעטער באַוועגונג איז אין אַלע אירע ווינקלען און אַף אַלע אירע פראָנטן אויסגעשטעלט צו פיינטלאַכע קוילן. זי איז שוין געוואוינט פון זיי געטראָפן צו ווערן. מיר ווייסן אַז צרות און אומגליקן לויערן אַף אונז. מיר לעבן אין א פּעריאָדע, ווען גאַנצע באַוועגונגען ווילן מאַכן געשיכטע מיט אומריינע הענט, דורך פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. פאַרשאָלטן זאָל ווערן יעדער באַוועגונג, ניט קוקנדיק מיט וואָס פאַר א צודעק זי באַנוצט זיך, וואָס דאָס איז איר וועג, וואָס אומריינע מעשים זיינען אירע אינסטרומענטן.

עס איז גערויבט געוואָרן א בן יחיד, א בן המודות פון זיין מוטער, עס איז גערויבט געוואָרן א מאַן פון זיין פרוי, עס איז גערויבט געוואָרן א פאָטער פון זיינע קינדער. עס איז גערויבט געוואָרן דער טרייער שליח פון אונזער גאַנצער באַוועגונג. נאָכמער: עס איז גערויבט געוואָרן אונזער האָפנונג צו זען ארלאַזאָראָוו'ן אין זיין גאַנצער גרויס און זיינע פולע דערגרייכונגען.

עס איז פאַראַן אַן אומעטיק ווינקל אין ארץ־ישראל [illegible] הייסט עס. הערצל האָט אין מוצא פאַרפלאַנצט א יונגן צעדער־בוים, א סימבאָל פון האָפנונג און וויזיע. דער הערצל בוים האָבן מיר אים גערופן. איז געקומען א פיינטלאַכע האַנט, וועלכע איז עד היום פאַרבליבן אומאַנטדעקט און אומבאַשטראָפט, און האָט דעם בוים אָפּגעהאַקט. אבער דער וואָס האָט דעם בוים אָפּגעהאַקט האָט הערצל'ס חלום ניט אָפּגעהאַקט. זינט דענסמאָל באַגלייט ער אונז ווי דער אומעטיקער סימבאָל פון אָפּגעהאַקטן בוים. צו דעם אָפּגעהאַקטן הערצל בוים ביזטו געגליבן, אונזער ברודער חיים!

א לעבעדיקער מאָנומענט

(צום מפעל ארלאַזאָראָוו)

פון שלום אַש

א יונג שעפעריש לעבן, פול אָנגעזאָפּט מיט ליבע צו זיין פאָלק — געטריבן פון א גרויסער שעפערישער ענערגיע — געבוירן צו זיין א פירער דורך זיין שטאַרקן ווילן און קלאָר אויג — איז פון א מערדערישער האַנט אָפּגעשניטן געוואָרן אין אָנהויב פון זיין טעטיקייט.

עס טריפן נאָך די ברכות אַף זיין פאַרשניטן שעפעריש לעבן פאַר די אידישע מאַסן — ווי די זאַפטן פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים. דאָס לעבן האָט נישט בחנם געלעבט — און עס זאָל נישט פאַרגעסן און פאַרשניטן ווערן. זיין חלק און נחלה זאָל איבערבלייבן אין ארץ ישראל אַף אַלע צייטן.

כדי דעם צוועק צו פאַרווירקלאַכן האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע באַשטימט צו באַשאַפן א פאָנד, כדי צו גרינדן אַ נייע קאָלאָניע אין ארץ ישראל אָפן נאָמען פון דעם יונג־פאַרשניטענעם פירער חיים ארלאָזאָראָוו, וואו הונדערטער אידישע היימען זאָלן אָנצינדן זייערע פייערן אַף דער אידישער ערד. —

די איניציאַטיווע איז אַרויסגעגאַנגען פון די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט און געווירקט ווי א חבר, א פריינט. די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל זיינען אויך געווען די ערשטע זיך אָפּצורופן אַף דעם אויפרוף צו זאַמלען די נויטיקע פאָנדן פאַר דעם נייעם אידישן מקום, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זייער פירער און חבר.— העכער דריי און צוואַנציק טויזנט אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די זאַמלונגען; פילע האָבן אַוועקגעגעבן צו צוויי, צו דריי טעג אַרבעט פאַר דעם פאָנד — אַזוי, האָף איך, וועט יעדער איד בייטראָגן אַ שטיין צו דער מצבה, וואָס מיר ווילן שטעלן פאַרן אָנדענק פון איינעם פון אונזערע קרעפטיקסטע מענער, וואָס איז אַזוי פריצייטיק דורך אַ ניט־פאַרגעבלאַכער זינד אַוועק פון דער וועלט . . .

און די מצבה וועט זיין א ליכטיקע און א שטראַלנדיקע. ווי א נייע אָנגעצונדענער פאַקל וועט זי לייכטן אַף איינעם פון די גלילישע בערגלאַך און וועט דערציילן פון א ניט־אויסלעשבאַרער ליבע פון מענטשן צו ערד. זי — די מצבה — וועט ברענגען טרייסט און האָפענונג אין מיליאָנען פאַר'חושכ'טע שטובן, פאַרשפרייטע איבער דעם גאַנצן ערד־קוגל, און וועט וועקן צו נייע מעשים און נייע פאָרמען פון לעבן פול מיט פרייד און האָפענונג. אַזוי אַרום וועט די מצבה נישט זיין קיין טויטע, נאָר א לעבעדיקע און א פרוכטבאַרע. באַגלייט מיטן געזאַנג פון וואַקסענדע קינדער — וועט א נייער שטיצפונקט אויפשטיין פאַר ישראל.

ווער וועט ניט ביישטייערן זיין שטיין צו דער מצבה? —

דורך יעדן אידן אָפן דאָרף ווערט פּלאַץ פאַר פינף אידן אין דער שטאָט פון ארץ ישראל — און ניט האָפענונגען פאַר צענדליקע אין דער וועלט צו געפינען אַרבעט אין דעם לאַנד פון אונזערע אָבות.

און נאָך איינס.

פאַרגעסט נישט, אַז מיר מוזן יעדן אייל ערד נישט בלויז אויסלייזן „פדיון שבויים", ווי א געפאַנגענעם קינד — נאָר מ'דאַרף עס ערשט קונה זיין דורך מי און אַרבעט — און פאַר ד ע ר אַרבעט רופן מיר אַן אַקסל אונטערצושטעלן און א ברודער־האַנט פון הילף!

באַשלוס פון דער הסתדרות וועגן געווערקשאַפטן קאַמפּיין און „מפעל ארלאַזאָראָוו"

(אויסצוג פון לעצטן בריוו פון ועד־הפועל)

„דער ועד הפועל האָט בא זיין לעצטער זיצונג באַשלאָסן, אַז דער היי־יאָריקער געווערקשאַפטן קאַמפּיין אין אַמעריקע זאָל אין זיין גרעסטן טייל זיין געווידמעט צו דעם „מפעל ארלאַזאַראָוו". עס איז דרינגענד וויכטיק, אַז אויך אין אַמעריקע זאָל אונטערשטראָכן ווערן די פאָדערונג מיט וועלכער דער ועד הפועל האָט זיך געווענדעט צו די ארבעטער אין ארץ ישראל, אַז קודם כל זאָל יעדער חבר און חברה און יעדער פריינט פון אונזער באַוועגונג האַלטן פאַר זיין פליכט ז י ך א ל י י ן צו באַטייליקן לויט א באַשטימטן מאָדוס אין „מפעל ארלאַזאַראָוו".

ס'ווילט זיך אונז גלויבן, אַז דער באַשלוס דורכצופירן א נייע און גרויסע קאָלאָניזאַציאָנס ארבעט אַף דעם נאָמען פון ארלאַזאַראָוו'ן וועט קומען צום אויסדרוק אין א געשטאַרקטער טעטיקייט פאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין און אין אַן ערנסטן פאַרזוך אויפצוהויבן אים צו א גרעסערער הויך און צו א בכבודיקן אַנטייל אין אונזער ווערק.

חיים ארלאזאראוו

1899־1933

דער אומפארגעסלאכער ארלאזאראוו

פון בערל קאצענעלסאן

ניט צופעליק איז חיים ארלאזאראוו געפאלן. די אומריינע האנט האט געצילט אין דעם הארץ פון אונזער אויסדערוויילטן. אין דעם מאמענטן וואס די באוועגונג האט אוועקגעשטעלט אפן בולטסטן ארט. ער איז אף דעם דאזיקן פאסטן געשיקט געווארן ניט נאר צוליב זיינע גרויסע פעיאיקייטן. אונזער באוועגונג פאדערט פונם מענטשן מער ווי פעיאיקייטן. זי פאדערט זעלישע אייגנשאפטן און ריינעם כאראקטער. ער איז געווען דער „עילוי“ פון דער באוועגונג, אבער עס זיינען פאראן „עילויים“ וועלכע אנטוישן. ארלאזאראוו האט ניט אנטוישט. אונזער באוועגונג האט גע'ירשנ'ט פונם אלטן אידנטום איר שטרייננגקייט. זי פאדערט פון אירע חברים: „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך“. ארלאזאראוו האט אלץ געגעבן.

חיים ארלאזאראוו האט אויסגעהאלטן דעם ערשטן עקזאמען פון אונזער באוועגונג: ט ר י י ש א פ ט. ער, דער שילער פון א דייטשער גימנאזיע, וואס איז דערצויגן געווארן אין גייסט פון דייטשן פאטריאטזים, האט זיך באהאפטן מיט זיין פאלק, מיט דער פרייהייט און ארבעטס־באוועגונג פון זיין פאלק.

עס איז געווען אין די רעוואלוציע־יארן — פאר אים זיינען אפן געווען אלע מעגלאכקייטן—אן אקאדעמישע קאריערע, א פאליטישע קאריערע. אבער ער האט אויסגעקליבן ניט דאס לעבן פון דער גרויסער דייטשער רעפובליק, נאר זיין ארים פאלק, זיין קליין לאנד און די ארבעטער־באוועגונג פון זיין פאלק, וועלכע איז אויך ארים. אין די צייטן ווען אנדערע האבן געשטרעבט צו „גרויסע זאכן“ איז ער געזעסן און געלערנט העברייאיש, האט ער זיך דערצויגן אף דער העברייאישער ארבעטער ליטעראטור, אף די בלעטער פון „הפועל הצעיר“ און האט דער פאן געשוואוירן טריישאפט און איז טריי געבליבן.

מען וועט נאך א סך דערציילן וועגן חיים ארלאזאראוו און וועגן זיינע אויפטואונגען אין זיין קורצן לעבן, אין די פופצן יאר פון זיין דינסט. ניט קוקנדיק אף זיינע פעיאיקייטן און די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין געדאנק און זיין מוט אין קאמף פאר וואס ער האט געהאלטן פאר ריכטיק, איז ער פעיאיק געווען צו בויגן זיין קאפ פאר דעם מאראלישן כח פון דער באוועגונג, פאר איר לעבנס־חכמה. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דרך־ארץ און באוואונדערונג פאר דער ארבעטער־מחנה, פאר די חלוצים און פארווירקלאכער וועמעס ווארט־זאגער ער איז געווען. צוליב דעמדאזיקן סינטעז פון פעיאיקייטן און זעלישע באציאונגען איז ער געווען זייער טריבון. דער ציוניזם האט ניט געהאט קיין בעסערן טריבון פאר אים. די ארבעטער־באוועגונג האט ניט געהאט קיין בעסערן טריבון —סיי אין די צייטן פון די קאמיסיעס פון שאו און סימפסאן, ווען מען האט געדארפט ענטפערן אף די אטאקעס פון שונא, סיי אף ציוניסטישע קאנגרעסן, ווען מען האט געדארפט אויפקלערן און דערקלערן אונזער שטעלונג.

פאר פילע שעפט זיך ארלאזאראוו אוים אין דעם וואס ער איז געווען, אין דעם וואס ער האט דערגרייכט און אויפגעטאן. מיר זעען אין אים א סך מער, מיר זעען דעם ארלאזאראוו, וועלכער איז נאך ניט געווען, דעם צוקינפטיקן ארלאזאראוו, די דער־

ליגעס פארן ארבעטענדן ארץ ישראל

אין די לעצטע פאָר יאָר איז רייף געוואָרן דער געדאנק פון באשאפן א פערמאנענטע אָרגאניזאציע אף א מיטגלידערשאפט באזיס, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן צו דער שטענדיקער אויפקלערונג און פראָפּאגאנדע וועגן די אלגעמיינע הסתדרות פראָבלעמען און זיין שטענדיק גרייט צו איבערגעבענער מיטהילף אין דעם אויפבוי פון ארבעטענדן ארץ ישראל.

אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון לעצטן וועלט קאָנגרעס, ווי אויך מיט די געשאפענע מעגלאכקייטן דאָ אין לאנד, האָט זיך לעצטן יאָר אָנגעפאנגען די אָרגאניזירונג פון די ליגעס פארן ארבעטענדן ארץ ישראל. די ערשטע התחלות זיינען געווען גאנץ שווערע. פונדעסטוועגן, איז מיט דער מיטהילף פון געווערקשאפטן קאמפיין געלונגען צו לייגן דעם יסוד אין א רייע שטעט פאר דער פאָרמירונג פון אזעלכע גרופן. בא היינטיקן טאָג זיינען שוין אָרגאניזירט די צאָל פון 35 אָפּטיילונגען מיט קרוב צו 2,000 מיטגלידער. פאר די ליגעס ווערט ארויסגעגעבן א ספּעציעלער זשורנאל „לייבאָר פאלעסטיין" און א אידישער בולעטין „דאָס ארבעטענדע ארץ ישראל". אין א רייע ערטער ווערט שוין אָנגעפירט א טיכטיקע קולטור פּראָגראם א דאנק וועלכער עס ווערן געוואונען נייע עלעמענטן, באזונדערס צווישן די ענגליש־שפּרעכנדע קרייזן. עס איז די האָפנונג פון דער הויפּט ליטונג, ווי אויך פון דער הסתדרות, אז גאָר קירצלאָך וועט אין אמעריקע צושטאנד קומען א גרויסע און פארצווייגטע אָרגאניזאציע, וועלכע וועט זיין ביכולת צו אָנפירן די פּראקטישע ארץ ישראל ארבעט נאָך מיט א גרעסערן ערפאָלג און פארנעם ווי ביז איצט.

אויסדרוק פון אנערקענונג

מיר קענען ניט אָפּשליסן דעם סך הכל פון אונזער ארבעט ניט אויסדריקנדיק דערביי א וואָרט פון אנערקענונג צו אונזערע אקטיווע טוער און אָרגאניזאציעס, צו די טויזנטער חברים און פריינט, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן מיט זייערע ביישטייערונגען און אקטיווער מיטהילף. א באזונדערן חבר׳שן דאנק צו די באאַמטע פון אונזערע קאמפּיין קאָמיטעטן, צו אונזערע רייזנדע איבערן לאנד, און צו די מיטארבעטער אין אונזערע אָפּיסעס. זיי אלע האָבן געהאט א געמיינזאמען חלק אין דער גוואלדיקער אנשטריינגונג אָבער אויך אין די וואונדערבארע דערגרייכונגען פון די פארגאנגענע צען יאָר.

מיר זיינען אויך שולדיק אן אויפריכטיקן דאנק צו דער אידישער פּרעסע סיי אין ניו יאָרק, ווי אויך אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן פארעפנטלאכט אונזערע ידיעות און אויפקלערונגען, און פילע פון זיי וועלכע האָבן עדיטאָריעל קאָמענטירט איבער אונזער ארבעט. דורך זייער מיטהילף האָט אונזער קאמפּיין פארנומען א חשוב׳ן פּלאַץ אין דער אידישער עפנטלאכקייט און אונזערע טוער זיינען פילפאך ערמוטיקט געוואָרן אין זייער ארבעט.

שלוס וואָרט

און איצט שטייען מיר ווידער באַם אָנפאנג פון א נייער עפּאָכע, אַפן שוועל פון ווידער באַנייטער ארבעט!

די פארגאנגענע צען יאָר האָבן באוויזן וואָס עקשנות, איבערגעבנקייט און ארבעטער־אחדות קענען אויפטאָן. מיר האָבן ניט נאָר אָנגעשריבן אַ נייעם קאפּיטל דאָ אין אמעריקע, נאָר האָבן אויך געהאט דעם זכות צוטראָגן ליים און ציגל צום הערלאכן בנין, וואָס ווערט אויפגעשטעלט דורכן אידישן ארבעטער אין ארץ־ישראל. מיר האָבן זיך אלע אויפגעהויבן אף א העכערער מדרגה און געבראכט מער מוט און שטארקערן בטחון צו דער מחנה פון בויער — די פארווירקלאכער פון אונזערע האָפנונגען.

אבער מיר זיינען נאָך אַלץ באַם אָנהויב! דאָס וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן איז בלויז א התחלה, אן אָנזאָג פון דעם וואָס קען און וואָס דארף נאָך באשאפן ווערן. און דערצו, זיינען ניט אלע שטיינער אָפּגעראמט, ניט אלע דערנער באזייטיקט געוואָרן.

דאָס אלץ איז אונז מחייב מיט גרעסערער עקשנות און מיט נאָך גרעסערן שוואונג אָנגיין ווייטער מיט אונזער ארבעט; צו וועקן די אידישע ארבעטער־מאסן, צו זאמלען נייע מענטשן־כחות, צו שאפן נאָך גרעסערע מיטלען, און ניט רוען אף קיין איין מאָמענט, ביז מיר וועלן ברענגען א ליכטיקערן טאָג פאר אונזער פאָלק און פאר דער ארבעטנדער מענטשהייט.

צען יאָר פארענדיקט. אבער ניט אָפּגעשטעלט זיך. ברידער! מיר פאנגען אָן דעם צווייטן צענדליק אף אונזער זיגרייכן מאַרש באַרג אַרויף.

א. העמלין.

יזכור

ניט בלויז נחת האָבן מיר דורכגעלעבט אין די פארגאנגענע יאָרן, נאָר אויך שמערצלאכע און ביטערע מאָמענטן, דורכן טויט פון טרייע און איבערגעבענע פריינט, פון טיכטיקע פירער און טוער, וועלכע מיר האָבן פארלאָרן אין לויף פון די פארגאנגענע 10 יאָר.

מיט גרויס יראת־הכבד און דרך־ארץ דערמאָנען מיר די מיטגלידער פון אונזער נאציאָנאַלער עקזעקוטיווע און באאמטע פון לאָקאלע קאָמיטעטן, וואָס זיינען פון אונז אוועקגעגאנגען זינט דעם יאָר 1923.

מאַקס פּיין	אב. באראָף	ל. קעס (שיקאַגאָ)
מאַקס צוקערמאַן	ה. מינדלין	ב. צ. גינזבורג (נואַרק)
דר. נחמן סירקין	חנן מיניקעס	עמנואל כאנין (ניו יאָרק)
יוסף באראַנדעס	א רייננוויין (טאָראָנטאָ)	אברהם האלפּערן (סטעמפאָרד)
דוד אַבערסאָן	פּיטער מארקוס (פּראָווידענס)	הערי קוניאנסקי (אטלאַנטאָ)
יהואש (ש. בלומגארדען)	סעם בריסטאָווסקי (יאָנקערס)	ה. לעש (ווילמינגטאָן)
בנימין שלעזינגער	ב. דזש. שאַפּיראָ (שיקאַגאָ)	יוסף אייזענבערג (סיו־סיטי)
מאָרים זיגמאַן	וועלוול שווארץ	יוחנן סטיוועגס (באלטימאָר)
דר. דזשוליוס האלפּערן	נייטען זווירין	

דער טויט פון אונזערע חברים און פריינט האָט אין יעדן פּונקט איבערגעלאָזן א ליידיקן פּלאַץ. ד י א ר ב ע ט אָ ב ע ר ה אָ ט ז י ך נ י ט אָ פּ ג ע ש ט ע ל ט! זייער ליבנס־חלום ווערט ווייטער געוועבט און פארווירקלאכט דורך זייערע טרייע מיטארבעטער אין אמעריקע, און דורך אונזער ארבעטער אַוואנגארד אין ארץ־ישראל.

אפּים ארויסגעשיקט א ספּעציעלער פארטרעטער, וועלכער באזוכט כמעט אלע פּונקטן פון אלאבאמא, דזשארדזיא, אקלאהאמא, טענעסי, טעקסעס און ווירדזשיניא. ניט קוקנדיק אף די רעזולטאטן פון די מקומות, איז אבער די פּראפּאגאנדע גראד דארט פון אויסערגעוויינטלאכער באדייטונג און דינט אימער אלס אנהאלט פון די פארשידענע גרופּן אין דער סאוט צו אונזער באוועגונג. אויך דארט איז אונזער האפענונג, אז די מאטעריעלע רעזולטאטן וועלן פארגרעסערט ווערן צוגלייך מיט זייער ערנסטן ווילן און גייסטיקן צובונד צו אונזער ווערק.

גאר א וויכטיקע פעסטונג איז אונזער שכנות׳דיקע מדינה קאנאדע, וועלכע איז אזוי ענג פארבונדן מיט אונז אין געמיינזאמער ארבעט און באשטרעבונגען. קאנאדע איז אימער געווען וואכזאם צו אונזער אויפלעבונגס־ארבעט אין ארץ־ישראל בכלל און באזונדערס אין דער ארבעט פון געווערקשאפטן־קאמפּיין. די גרויסע שטעט מאנטרעאל, טאראנטא, וויניפּעג, האמילטאן, עדמאנטאן, און דאן די קלענערע פּונקטן פון קוויבעק, אנטאריא, סאסקאטשעוואן, מאניטאבא, אלבערטא און בריטיש קאלאמביא — איבעראל איז דערגרייכט געווארן אונזערווארט און פון אומעטום איז געקומען א ווארימער ענטפער. באזונדערס איז ווערט זיך אפּצושטעלן אף די פארזווארפענע ישובים פון מערב־קאנאדע, וועלכע ווערן יעדן יאר באזוכט פון א ארץ־ישראל ארבעטער־דעלעגאט, און וועלכע האבן געקראגן אין די ערשטע יארן די מיטהילף פון די חברים י. העסטרין, ש. גרין, בארדען און ליפשיץ, און לעצטן יאר פון חבר ב. צוקערמאן פון סאסקאטון, און דורך דער ארבעט פון דר. הענעל אין וויניפּעג. אט די אלע ערטער האבן טראץ דעם שווערן קריזיס ניט פארקלענערט זייער בייטראג צום ארבעטענדן ארץ־ישראל. אין דעם זין האט מערב־קאנאדע פילפאך איבערשטיגן אירע שוועסטער־שטעט פון קוויבעק און אנטאריא, און עס בלייבט נאר צו האפן, אז אין דעם קומענדן יאר וועלן זיך אלע שטעט און פּראווינצן פון קאנאדע אויסגלייכן און צוריק געשטעלט ווערן אף דער זעלביקער מדרגה וואס אין די יארן 1928-29-30.

אין דער ווייטער וועסט ארבעטן מיר הויפּטזאכלאך אין קאליפארניע, אויסער דער מיטהילף וועלכע קומט אונז אן פון סיאטל, וואשינגטאן, דורך דער דארטיקער ליגע פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל. אין סאן פראנציסקא און אוקלאנד איז אונזער קאמפּיין אנגעשלאסן אין דעם אלגעמיינעם וועלפעיר־פאנד, אזוי אז אונזער זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט ווערט אנגעפירט הויפּטזאכלאך אין לאס אנדזשעלעס. די שטאט, פּונקט ווי אלע שטעט אין אמעריקע, האט דורכגעמאכט א גאנץ שווערן קריזיס, אבער פונדעסטוועגן האט זי זיך צוריק אויפגעהויבן צו א גאר הויכער מדרגה און האט אין לעצטן יאר געשאפן א פיל גרעסערע סומע ווי זאגאר אין די „פּראספּעריטי״־יארן. דאס איז אין א גרויסער מאס צו פארדאנקען דער סיסטעמאטישער און טרייער ארבעט פון דר. נ. זאלצמאן און זיינע אקטיווע מיטהעלפער אין דער באוועגונג, און באזונדערס דורך דער ניי־געגרינדעטער ליגע פאר דאס ארבעטנדע ארץ־ישראל. אין לעצטן יאר האט לאס־אנדזשעלעס געשאפן איבער $3,000 און פארמעסט זיך אין קומענדן יאר צו שאפן דריי מאל אזוי פיל. א באדייטענדע התחלה האבן שוין די ליגעס געמאכט אין דער דורכפירונג פון א גרויסער אונטערנעמונג פארן ארלאזאראף־פאנד, דורך וועלכער עס איז געשאפן געווארן איבער $2,000 ריוח. אלע סימנים ציינן, אז זייערע דערוואַרטונגען וועלן דערפילט ווערן.

קומען מיר איצט צו גרייטער ניו יארק, דער צענטער פון אונזער באוועגונג, דאס הארץ פון דער אידישער ארבעטערשאפט. דא וואלטן די רעזולטאטן אודאי געדארפט זיין זייער גרויסע, אבער אויך דא ווערן באגעגנט די זעלביקע שוועריקייטן וואס אין אלע אנדערע שטעט, און באזונדערס די ספּעציעלע שוועריקייט, וואס די שטאט איז „אביסל״ צו גרויס און דער עולם איז פארשפּרייט אין די פארשיידענע געגנטן. דאך, ווערט אויך אין ניו יארק געמאכט דער ערנסטער פארזוך פון די טרייע און איבערגעגעבענע חברים צו דערפילן זייער חוב, אנהאלטן זייער טעטיקייט, און דערגרייכן וואו נאר מעגלאך די מאקסימום רעזולטאטן.

צוליב די שווערע קריזיס־יארן, זיינען די טרייד־יוניאנס ניט געווען ביכולת צו העלפן אונזער קאמפּיין פינאנציעל ווי זיי וואלטן עס געוואלט. איצט, אבער, אזוי שנעל ווי די לאגע איז נאר פארבעסערט געווארן, האבן מיר שוין געזען דעם אפּרוף פון די יוניאנס דורך זייערע באשטייערונגען, ווי אויך דורך זייער חשוב׳ער פארטרעטערשאפט אין אונזער היינטיקן יובליי־בוך פלענער ווערן אויסגעארבעט, אז אין קומענדן יאר זאלן דורכגעפירט ווערן שאפ־קאלעקשאנס און אנדערע זאמלונגען, און בא יעדן איינעם הערשט דער ערנסטער גוטער ווילן ארויפצוברייינגען די יוניאנס צו דער פּאזיציע, וועלכע זיי דארפן פארנעמען אין אונזער קאמפּיין.

גאר א חשוב׳ן פּלאץ אין דער ניו יארקער טעטיקייט פארנעמען די ברענטשעס פון אידיש נאציאנאלן ארבייטער פארבאנד. זייער באטייליקונג ווי אויך זייערע רעזולטאטן שטייגן מיט יעדן יאר, אזוי אז אין לעצטן יאר זיינען זיי ניט געווען הינטערשטעליק לגבי 1930-31 און דער דורכשניט פון זייערע געשאפענע געלדער דערגרייכט $5,000 יערלאך. אם שטארקסטן האבן זיך אויסגעצייכנט אין דער ארבעט דער בראנקס בר. 14, בר. 18, 100, 130, ברענער בר. 169, 250, 276, 256, 325, 24, און דאן די איבעריקע ברענטשעס, וועלכע האבן אף זייער בעסטן שטייגער זיך באטייליקט אין דער ארבעט. פארן קומענדן יאר פּלאנעוועט דער ספּעציעלער פארבאנד קאמיטעט א פיל שטארקערע אקטיוויטעט און פארהאפט אף נאך גרעסערע רעזולטאטן.

א באדייטנדע הכנסה האט דער געווערקשאפטן קאמפּיין געהאט אין די לעצטע יארן דורך דער ספּעציעלער אקציע וואס איז אנגעפירט געווארן אונטער דער אויפזיכט פון חבר ווינטרויב צווישן די לערער, פּרינסיפּאלס, און קינדער פון די העברעאישע שולן. אויסער דער ממשות׳דיקער מיטהילף צום קאמפּיין, איז פון גרויס באדייטונג די דערציערישע ארבעט וועלכע איז געטאן געווארן צווישן די קינדער, און וועלכע באקענט זיי יאר איין, יאר אויס מיט די שאפונגען פון דער ארץ־ישראל ארבעטערשאפט און פון דער דארטיקער יוגנט. די הכנסה אט פון דער ארבעט האט אין די לעצטע יארן ארייננגעבראכט איבער $5,000.

דאן איז די ארבעט אין גרייטער ניו יארק געפירט געווארן אין די פארשידענע דיסטריקטן, פון וועלכע עס דארף באזונדערס דערמאנט ווערן די אקטיוויטעט און די קאאפּעראטיווע פארבאנד הייזער, צווישן די ברענטשעס פון דער פאראייניקטער פּארטיי, צווישן לאנדסמאנשאפטן און סאסייעטיס, ארבייטער רינג ברענטשעס, און צווישן א גרויסער צאל יחידים, וועלכע האבן זיך אימער אפּגערופן ווען נאר זיי זיינען דערגרייכט געווארן. עס דארף דא אויך דערמאנט ווערן דער יערלאכער בלומען טאג, וועלכער ברייינגט אריין אין ניו יארק א באדייטנדע הכנסה א דאנק דער באטייליקונג פון השומר הצעיר, יונגע פּועלי ציון, די מיידלאך גרופּן פון דער פּיאנערן פרויען ארגאניזאציע, און אנדערע צווייגן פון דער באוועגונג.

אודאי האט ניו יארק ניט אויסגעשעפּט אלע אירע מעגלאכקייטן, אבער עס איז צו האפן, אז מיט דער פארבעסערונג פון דער עקאנאמישער לאגע וועט אויך ניו יארק גוט מאכן דעם פארלוסט פון די לעצטע עטלאכע יאר דורך דעם וואס זי וועט זיך אומקערן צו דעם „גאלד סטענדארד״ און צו דער הכנסה וואס זי האט געגעבן אין די יארן 1928-29.

„השומר הצעיר“, וועלכער האט מיט גרוים דיסציפלין זיך אויסגעצייכנט אין אונזערע יערלאכע בלומען־טעג און מיטגעהאלפן, אז יעדע זאמלונג זאל אריינברענגען באדייטענדע סכומים.

אין דער ארבעט פון קאמפיין האבן זיך אויך באטייליקט א גרויסע צאל ברענטשעס פון ארבעטער־רינג און אינדעפענדענט ארבעטער־רינג, וועלכע האבן זיך לעצטן יאר פאראייניקט. אין די קאנווענשאנס פון געווערקשאפטן־קאמפיין, אין די לאקאלע קאנפערענצן, און מיט ביישטייערונגען צום קאמפיין, האבן זיך באטייליקט לערך 250 ברענטשעס. א באדייטענדע צאל ברענטשעס האבן גענומען אף זיך די איניציאטיווע פאר דער דורכפירונג פון קאמפיין אין זייערע שטעט, און די סימפאטיעס צווישן דער מיטגלידערשאפט פון ארבעטער־רינג איז די לעצטע יארן אין א באדייטנדער מאס געשטיגן.

צווישן די אנטיילנעמענדע ארגאניזאציעס קען מען אויך צורעכענען א גרויסע צאל אלגעמיינע פראגרעסיווע ארגאניזאציעס, לאנדסמאנשאפטן, יוגנט־ארגאניזאציעס און קעמפפס פון ארדער בני־ציון, וועלכע האבן זיך באזונדערס אפגערופן אין א באדייטענדער מאס אין ניו יארק, פילאדעלפיע, און אין א רייע אנדערע שטעט איבערן לאנד.

דער אפרוף פון אט די אלע ארגאניזאציעס האט געגעבן דעם געווערקשאפטן־קאמפיין דעם כאראקטער פון אן אמת'ער פאלקס־באוועגונג, וועלכע קען זיך מיט רעכט שטיצן אף נאך גרעסערע הכנסות אין די קומענדע יארן.

אונזער ארבעט אין ניו־יארק און איבערן לאנד.

אין היינטיקן סואוועניר ווערן געדרוקט א רייע באריכטן, וועלכע דערציילן די געשיכטע פון אונזער קאמפיין אין פארשיידענע שטעט איבערן לאנד. ניט אלע שטעט, אבער, זיינען אין די באריכטן פארטראטן. וועט ניט שאדן צו געבן וועגן דעם א קורצן איבערבליק.

אונזער באריכט פון איבערן לאנד פאנגט זיך אן מיט ניו־ענגלאנד, וועלכע איז נאך עד היום פארבליבן דער בעסט־ארגאניזירטער און דערפאלגרייכסטער צענטער פאר אונזער ארבעט. א דאנק דעם וואס ארום קאמפיין האבן זיך גרופירט כמעט אלע שיכטן פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג און אלגעמיינע פאלקס־עלעמענטן, און דער פאקט האט מיטגעווירקט, אז גרייטער באסטאן, ווי אויך א רייע שטעט אין מאסאטשוזעטס סטייט, זאלן אזוי מצליח זיין. דער לעזער וועט באמערקן, אז באסטאן פירט שוין אן איר קאמפיין און שטייט שוין מיט עטלאכע טויזנט דאלאר העכער ווי פאראיארן — א סיגנאל פארן גאנצן לאנד צו גיין בארג ארויף!

צו די ניו־ענגלאנד שטאטן ווערט צוגערעכנט פראווידענס, ראוד־איילאנד ,און די ארומיקע שטעטלאך, וועלכע האבן אימער נאכגעפאלגט דעם ביישפיל פון באסטאן, אין אקטיוויטעט, טרייהייט, ווי אויך אין רעזולטאטן. און דאן קאנעטיקוט סטייט, וואו די ארבעט ווערט אין א גרויסער מאס אנגעפירט אף דער איניציאטיווע פון די ברענטשעס פון אידיש נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד מיט דער מיטהילף פון אונזערע פרויען־קלובן און א רייע פריינטלאכע קערפערשאפטן. אין די לעצטע פאר יאר איז קאנעטיקוט געווען א ביסל הינטערשטעליק, אבער אין איצטיקן מאמענט מאכן אונזערע חברים דעם ערנסטן פארזוך ארויפצוקומען צוריק צו די רעזולטאטן פון די גוטע יארן.

אין דער שכנה'שאפט פון ניו יארק, די שטאטן ניו דזשוירזי, פענסילווייניע, מערילענד, וואשינגטאן (די. סי.), און די פונקטן פון ניו יארק סטייט, — אין יעדער שטאט און שטעטל פון אט די סטייטס איז אונזער קאמפיין דורכגעפירט געווארן. אין יעדן פלאץ האבן די חברים געמאכט אן ענערגישן פארזוך אנצוהאלטן זייערע פאזיציעס און דערגרייכן די זעלביקע סכומים וואס אין די פריערדיקע יארן. ניט איבעראל איז עס געלונגען. עס איז אבער כדאי פון אט דער גרויסער טעריטאריע צו דערמאנען די פאלגענדע שטעט, וועלכע האבן טראץ אלע שוועריקייטן דערגרייכט די זעלביקע רעזולטאטן וואס אין די גוטע יארן, און מאנכע פונקטן, וועלכע האבן זייער סכום נאך פארגרעסערט. דאס זיינען: פעטערסאן, ניו דזשוירזי; בינגהאמטאן, נ. י.; באפאלא, נ. י. (געשאפן צוויי מאל אזוי פיל ווי פאראיארן), רעדינג, סקרענטאן און ווילקעסבאר, פענסילווייניא. דער גרעסטער פונקט פון דער דערמאנטער טעריטאריע, פילאדעלפיע, שטייט איצט אין מיטן פון איר קאמפיין פארן יאר 1933־34 און האט גוטע האפנונגען צו פארדאפלען איר סומע און זיך אויסגלייכן מיט אירע רעזולטאטן פון די פריערדיקע יארן. דיזעלבע האפנונגען ווערן געטיילט פון באלטימאר, וואשינגטאן, פיטסבורג, נוארק, אלבאני, סיראקיוז, ראטשעסטער, און א רייע אנדערע.

אין די צענטראל־פונקטן פון לאנד — די שטאטן פון מישיגען, אהייא, און וועסטערן פענסילווייניע — האבן מיר אויך געפונען דעם זעלבן גוטן ווילן בא אונזערע חברים און פריינט. די הויפט־שטעט פון געגנט, דעטראיט און קליוולאנד, זיינען אם שטארקסטן געטראפן געווארן פון דעם שרעקלאכן קריזיס. אזוי אז די ארבעט אין יענע מקומות איז צוגעגאנגען פיל שווערער ווי אין אנדערע פונקטן פון לאנד. דאך, אין יעדן פלאץ האבן זיך אפגעזוכט אייניקע פריינט און פאראנטווארטלאכע חברים, וועלכע האבן געטאן זייער פליכט און געזוכט מיט אלע כחות פארזעצן זייער אקטיוויטעט. דיביידע שטאטן זיינען פארטראטן אין אונזער באריכט מיט באדייטענדע סכומים, און אויך דא איז ווערט צו דערמאנען מינדעסטנס איין פונקט — עקראן, אהייא, — וועלכע האט היינטיקס יאר געשאפן מערער ווי פאראיארן, און סינסינאטי, וועלכע זוכט אנצוהאלטן דעם זעלביקן סכום וואס אין די פריערדיקע יארן. א באוויז, אז וואו נאר עס איז דא דער גוטער ווילן און די געהעריקע צאל טוער, קענען אפילו אין די ערגסטע יארן דערגרייכט ווערן באדייטענדע רעזולטאטן.

אנפאנגענדיק מיט דער וועסט מוזן מיר זיך קודם כל אפשטעלן אין שיקאגא, וועלכע האט אין דער געשיכטע פון געווערקשאפטן־קאמפיין געשפילט זייער א חשוב'ע ראלע. עס זיינען געווען יארן, ווען שיקאגא האט שוין געהאלטן בא דעם טאטאל פון 10,000 .. אין די לעצטע עטלאכע יאר איז שיקאגא פיל אראפגעפאלן, אבער דאס איז אויך אין א גרויסער מאס צו דערקלערן דורך דעם שווערן עקאנאמישן קריזיס. ניט קוקנדיק, אבער, אף דעם, האבן זיך געפונען א גרופע איבערגעבענע חברים, וועלכע האבן זייער ארבעט פארגעזעצט טראץ אלע שוועריקייטן. אין שכנות מיט שיקאגא געפינט זיך מילוואקי, וועלכע טוט אלץ אין אירע כחות אנצוהאלטן דעם פיינעם סטאנדארד און די טראדיציע, וועלכע זי האט געשאפן אין די פריערדיקע יארן. דאן האבן מיר אונזערע צעווארפענע פונקטן אין אילינאי סטייט, אייאווא, אינדיאנא, נעבראסקא, מינעסאטא און מיזורי. אין די צוויי שטעט פון מיזורי, נעמלאך, סט. לואיס און קענזעס סיטי, האט זיך אונזער ארבעט אנגעפאנגען פארן נעקסטן יאר און אין ביידע ערטער ציינט זיך א באדייטענדע העכערונג — א צייכן, אז אויך די איבעריקע שטעט וועלן גיין אפן זעלביקן וועג און דערפילן די דערווארטונגען פון אונזער נאציאנאלער לייטונג.

איבערגייענדיק פון דער וועסט צו אונזער טעריטאריע אין דער סאוט, מוזן מיר קאנסטאטירן, אז אויך דא איז אין די לעצטע יארן געווען א היבשער צוריקגאנג, און ווידער אמאל הויפטזאכלאך א דאנק דעם קריזיס, וועלכער האט דער אידישער באפעלקערונג אין דער סאוט געטראפן זייער שטארק. דאך, די ארבעט ווערט פארגעזעצט. יעדן יארן ווערט דורכן נאציאנאלן

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער ספּעציעלער סכום פון $6,000, וועלכע דער ארבעטער־רינג האָט איבערגעשיקט נאָך זיינע ספּעציעלע זאמלונגען אין יאָר 1929, און וועלכע זיינען געגאנגען צו אויפשטעלן אייניקע ארבעטער־היימען אין פּסח־תקוה.

אין זעלבען יאָר האָט דער „טאָג“ איבערגעשיקט דורכן געווערקשאַפטן קאמפּיין דעם סכום פון $5,000, וואָס איז אריינגעקומען דורך די „עמוירדזשענסי“ זאמלונגען און איז פארווענדעט געוואָרן אַף שטעלן אַ מאָדערנע געביידע אין דער מיידלשער קבוצה לעבן ירושלים.

אונזער אויפטו אין ארץ־ישראל.

פון ערשטן טאָג, וואָס אונזער קאמפּיין איז געגרינדעט געוואָרן, איז ער געגאנגען האנט אין האַנט מיט דער הסתדרות אין באַפעסטיקן אירע פּאָזיציעס, אין דער פארשטאַרקערונג און אויסברייטערונג פון אירע אינסטיטוציעס, און אין לייגן דעם יסוד פאר דעם אויפבוי פון אונזער ארבעטנדער געזעלשאַפט.

אַף אַן אנדער פּלאַץ אין הייניטיקן נומער וועט דער לעזער געפינען אַן אויספירלאכן איבערבליק איבער דער אנטשטייאונג פון דער הסתדרות, איר איצטיקן מצב און דערגרייכונגען. מען קאָן אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַז אין יעדן ווינקעלע און אין יעדן צווייג פון דער הסתדרות־טעטיקייט איז דער געווערקשאפטן־קאמפּיין געוועזן פארטראָטן. אָנפאנגענדיק פון די יאָרן 1924־26, אין וועלכע די ארבעטערשאפט פון ארץ־ישראל האָט דורכגעמאכט אזא שווערע ארבעטסלאָזיקייט, איז דער געווערקשאפטן־קאַמפּיין בייגעשטאנען דער הסתדרות אין איר קאַמף צו אָנהאלטן איבעראל אונזערע פּאָזיציעס טראָץ דעם ביטערן קריזיס. אָבער ספּעציעל אַפן קאָנסטרוקטיוון געביט האָבן די מיטלען פון געווערקשאפטן־קאמפּיין מיטגעהאָלפן דער הסתדרות אין דער אויפהאלטונג און באפעסטיקונג פון אַ רייע קאָאָפּעראַטיוון אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער אויפנאמע און איינאָרדנונג פון דער גרויסער צאָל חלוצים און ארבעט־זוכענדע, און אין דעם קאַמף וואָס די הסתדרות האָט אָנגעפירט פאר אידישער ארבעט סיי באַ פּריוואטע אונטערנעמער און סיי באַ דער רעגירונג. די אינוועסטירונגען, וואָס די הסתדרות האָט געמאכט אַף דעם געביט פון בוי־אונטערנעמונגען, געברויכס־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, מאַשינען און ארבעטס־געצייג, מיטהילף צו דער ארבעטער קראנקן־קאסע, מיטבאַטייליקונג אין דער קולטורעלער אַרבעט פאר קינדער און דערוואקסענע, פאך־בילדונג פאר דער יוגנט דורך די מאַקס פיין ווארשטאטן, מיטהילף צו די פרויען־ווירטשאפטן, הסתדרות בנינים, פינאַנס־ און קרעדיט־אנשטאלטן, — דאָס אלץ האָט מעגלאך געמאכט, אַז די הסתדרות זאָל ווערן אַ גרויסער, ווירקזאמער כח פאר די נוצן פון דעם גאנצן ארבעטער־ישוב, און פאר דעם אלגעמיינעם אויפבוי פון לאנד.

אין איצטיקן מאָמענט איז שוין די ארבעטערשאפט פון ארץ־ישראל אין אַ באדייטנדער מאָס ביכולת אויפצוהאלטן אירע זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציעס, — און די מיטלען פון געווערקשאפטן־קאמפּיין וועלן היי־יאָר, ווי אויך אין די קומענדע יאָרן, געווידמעט ווערן פאר דער נייער איינוואנדערונג; פאר איינאָרדענען טויזנטער און צענדליקע טויזנטער מענטשן אין שטאָט און דאָרף, און אויפנעמען זיי אין דער ארבעטער־אָרגאַניזאַציע. באזונדערס איצט וועט אונז זיין באשערט אָנטיילנעמען דורך אונזער קאמפּיין אין דער נייער קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעמונג אַף דעם נאָמען פון דר. חיים ארלאזאראָף, און אריינפלעכטן אויך אונזער נאָמען אין דעם אייביקן מאָנומענט פאר אונזער יונגען געפאלענעם פירער.

באַטייליקטע אָרגאַניזאַציעס:

בראש פון דער באוועגונג איז געשטאנען די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן פון ניו־יאָרק, און צוזאמען מיט איר די קעפּ, העט און מילינערי אינטערנעשאָנאל און אירע לאָקאלן: דער גענעראל אָפיס פון די אמאלגאמייטעד, די דזשאָינט באָארדס פון דער אמאלגאמייטעד אין ניו יאָרק, באָסטאָן און שיקאַגאָ; די גענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן; מילינערי לאָקאל 24; די בעקער יוניאָנס פון לאנד; די קאפּנמאכער יוניאָן; די פּאקעטבוק וואָירקערס יוניאָן; די אידישע שריפטזעצער, די אַקטיאָרן און אַ רייע אנדערע יוניאָנס. זיי אלע האָבן באַ פארשיידענע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן די וואַרימסטע מיטהילף צום קאמפּיין, און וואָלטן נאָר די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין די לעצטע יאָרן געוועזן בעסערע, דאַן איז קיין ספק ניט, אַז די הילף פון די טרייד־יוניאָנס וואָלט געקומען גאָר אין אַ גרויסער מאָס.

אַ גאָר חשוב'ן פּלאַץ האָט פארנומען אין דער אנטשטייאונג און אין דער ארבעט פון קאמפּיין די אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּארטיי פּועלי־ציון. די פּארטיי אלס גאנצע, ווי אויך אלע אירע פאראיינען און גרופּן, האָבן אריינגעוואָרפן זייער גאנצע ענערגיע און אלע גייסטיקע און אָרגאַניזאַטאָרישע כחות צו מאַכן דעם קאמפּיין דאָס, וואָס ער איז באַ היינטיקן טאָג. צוזאמען מיט דער פּארטיי זיינען מיטגעגאנגען די יוגנטלאכע פּועלי־ציון, וועלכע זיינען אימער געוועזן אַפן פּלאַץ באַ אונזערע בלומען־טעג און פאָלקס־זאמלונגען, און וועלכע זיינען גרייט אויך ווייטער צו ענטפערן דעם רוף פון ארבעטנדן ארץ־ישראל. די צעירי־ציון פּאַרטיי איז אויך געוועזן איינע פון די ערשטע זיך אָנצושליסן אָן קאמפּיין און געבן דער ארבעט איר טרייסטע מיטהילף, סיי מצד די פאראיינען און סיי דורך די איינצלנע חברים. די לעצטע צוויי יאָר, נאָכדעם ווי עס איז צו־שטאנד געקומען די פאראייניקונג, שטייט די פּארטיי פּועלי ציון־צעירי־ציון ווייטער אין די פאָדערשטע רייען און איז גרייט צו נעמען אַף זיך פליכטן און אחריות פאר אלץ גרעסערע דערפאָלגן פון אונזער טעטיקייט.

דער נאַציאָנאַלער ארבעטער פארבאנד צוזאמען מיט זיינע צענדליקע בראַנטשעס און פרויען־קלובן קען באטראכט ווערן אלס איינער פון די זיילן, אַף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט דער געווערקשאפטן־קאמפּיין זינט זיין אנטשטייאונג. מיר טרעפן די פארבאנד־בראנטשעס ניט נאָר אלס ביישטייערער, נאָר אויך אלס איניציאטאָרן אַפן געביט פון אָרגאַניזירן אונזערע כחות און פירן די אַרבעט מיט דעם נויטיקן שוואונג. דורך דער ארבעט פון פארבאנד און זיינע בראנטשעס זיינען אריינגעקומען צענדליקער טויזנטער דאָלארן, און עס איז בכלל דערמעגלאכט געוואָרן, אַז דער געווערקשאפטן־קאמפּיין זאָל קומען צום ענדע פון זיינע 10 יאָר מיט אזא באדייטענדן סך־הכל.

די פארבאנד פרויען־קלובן, אויסער זייער מיטהילף אין דער אלגעמיינער קאמפּיין־טעטיקייט, האָבן זיך אָפּגעגעבן אקטיוו צו ספּעציעלע זאמלונגען פאר די ארבעטער־סאַניטאַריומס, פאר וועלכע זיי איז געלונגען במשך פון די פארגאנגענע 10 יאָר צוזאמענקלייבן אַ סכום פון לערך $20,000.

די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אנטשטאַנען אין יאָר 1925, האָט באַוויזן ניט בלויז צו דורכפירן דערפאָלגרייכע אַקטיוויטעטן פאר די פרויען־אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל און אַף אנדערע געביטן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט, נאָר האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון געווערקשאפטן־קאמפּיין. די פּיאָנערן פרויען־קלובן נעמען אָנטייל אין אַלע לאָקאַלע קאָמיטעטן, באַטייליקן זיך אין די בלומען־טעג, הויז־צו־הויז זאַמלונגען, און אין אַ רייע אונטערנעמונגען, וועלכע ווערן דורכגעפירט פאר דאָס ארבעטנדע ארץ־ישראל. אויסער אַט דער טעטיקייט האָט די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע במשך פון דער פּעריאָדע באוויזן איבערצושיקן דורכן געווערקשאפטן־קאמפּיין פאר די פרויען־אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל דעם סכום פון $134,181.17.

צו די יוגנטלאכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אונז אקטיוו מיטגעהאָלפן אַלע יאָרן, דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דער

ארבעטער־ און פאלקס־ארגאניזאציעס און לערך 50 טויזנט ביישטייערער. אויסער דער נאך גרעסערער צאל מענטשן, וועלכע זיינען דערגרייכט געווארן דורך די יערלאכע בלומען־טעג און הויז־צו־הויז זאמלונגען.

אין דער אויספירלאכער טאבעלע, וועלכע ווערט געדרוקט אף א צווייטן ארט אין דעם סואווענירע, וועלן די לעזער זען די גענויע סומע וואס איז געשאפן געווארן פון יעדער שטאט און שטעטל איבער די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע. יעדע סומע רעפרעזענטירט מיט זיך א סך ליבשאפט און ערנסטן ווילן זיך משתתף זיין מיט דער ארבעט פון דער הסתדרות. די דערגרייכונגען וועלן אן ספק בלייבן פאר זייער אן אנגענעמען און גוטן אנדענק צו אלע אונזערע טוער און פריינט, וועלכע האבן זיך אין דער ארבעט באטייליקט.

דער סכום פון אונזערע אפגעשיקטע געלדער צו דער הסתדרות באטרעפט 729,937.42 $. דאס איז לערך 70 פראצענט פון דעם טאטאל געשאפענע געלדער. דער באלאנס איז געגאנגען פאר דער פיל־פארצווייגטער ארגאניזאטארישער, פראפאגאנדיסטישער און אדמיניסטראטיווער ארבעט, וואס איז אנגעפירט געווארן במשך פון די פארגאנגענע 10 יאר. דאס שליסט איין די רייזע־הוצאות פון אונזערע דעלעגאטן און ארגאניזאטארן, וועלכע האבן באזוכט אלע פונקטן פון לאנד, ווי אויך די שריפטלאכע אויפקלערונג וואס מיר האבן איבעראל אנגעפירט. דאס שליסט אויך איין די אויסגאבן פון אונזערע ראיאנע ביוראס און דירעקטארן, וועלכע האבן געארבעט אין די פארשיידענע שטעדט פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע.

דער פראצענט־זאץ פון אונזערע הוצאות פאר דער גאנצער צייט באטרעפט לערך ארום 30¾ פראצענט. אודאי איז די לייטונג פון קאמפיין ניט באזונדערס צופרידן דערפון, און מיר האבן אימער געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג, אז דער פראצענט־זאץ פון די הוצאות זאל זיין וואס א קלענערער, קירצנדיק בא יעדער געלעגנהייט אונזער בודזשעט. ווען מען האט אבער אין זינען די גוואלדיקע ארגאניזאציאנס און פראפאגאנדע־ארבעט, וועלכע ווערט דורך אונז אנגעפירט אין אלע טיילן פון לאנד, די גרויסע שוועריקייטן מיט וועלכע עס איז בכלל פארבונדן דאס זאמלען געלט אין אמעריקע, און דערצו דעם פאקט, וואס אונזערע הכנסות קומען הויפטזאכלאך פון ארבעטער און ניט־פארמעגלאכע שיכטן, דאן מוז מען קומען צום שלוס, אז דער פראצענט־זאץ פון אונזערע אויסגאבן איז א גאנץ מינימאלער.

דערצו מוז באזונדערס גענומען ווערן אין באטראכט דער שווערער קריזיס, וועלכן מיר האבן דורכגעמאכט אין די פארגאנגענע דריי יאר. ווערענד פון דעם יאר 1925 ביז 1930 איז אונזער קאמפיין שטענדיק געשטיגן, זעען מיר אבער, אז פון 1930 ביז 1933 זיינען די הכנסות באדייטענד פארקלענערט געווארן. יעדער איינער פארשטייט די סיבות דערפון. צוליב דעם שווערן עקאנאמישן קריזיס איז פארקלענערט געווארן דער סכום ביישטייערונגען, און אויך די צאל פון אונזערע טוער. און צו זאמלען די קלענערע סכומים איז אנגעקומען מיט פיל מער אנשטרענגונג און הוצאות איידער די גרעסערע סכומים אין די פריערדיקע יארן. עס זיינען געווען ביטערע און פיינלאכע יארן. צייטנווייז האט זיך געדוכט, אז אט פאלט אום אונזער גאנצע געביידע — און נאר דורך אידעאליזם און אפפערווייליקייט איז אונז געלונגען בייצוקומען די שוועריקייטן און אנהאלטן איבעראל אונזערע פאזיציעס. מיר האבן אורזאכן צו גלויבן, אז ווען ניט אט די קריזיס־יארן, וואלט אונזער קאמפיין אין די פארגאנגענע דריי יאר ווייטער געשטיגן, און דאס וואלט אין א גרויסער מאס פארקלענערט דעם פראצענט־זאץ פון אונזערע הוצאות.

אין איצטיקן מאמענט שטייען מיר אין מיטן פון אונזער קאמפיין פארן יאר 1933־34, און מיר האבן גוטע האפנונגען, אז דער קומענדער יאר וועט אונז ברענגען גרעסערע רעזולטאטן, און אז מיר וועלן צוריק ארויפקומען צום יערלאכן ציפער פון 100,000 $ און העכער, און דאס אלץ מיט א פארקלענערטן בודזשעט, וועלכן מיר האבן איינגעפירט אין די לעצטע עטלאכע יאר. אונזערע טוער מוזן אבער גוט אין זינען האבן, אז מיט די זעלביקע הוצאות קענען די הכנסות פילפאך פארגרעסערט ווערן, און דערמיט זאלן אונזערע אויסגאבן געהאלטן ווערן צום סאמען מינימום. זאל דאס דינען אלס מוסר־השכל און דירעקטיוו צו אלע אונזערע חברים און פריינט צו פארגרעסערן איבעראל זייער ארבייט און געלט־רעזולטאטן לויט די באדערפענישן פון ארבעטענדן ארץ־ישראל.

ספעציעלע אקטיוויטעטן.

אויסער דער דירעקטער ארבעט פארן געווערקשאפטן קאמפיין, האט די לייטונג בא פארשיידענע געלעגנהייטן דורכגעפירט אנדערע אקטיוויטעטן, וועלכע האבן אין א גרויסער מאס געשטארקט די הסתדרות און אירע באזונדערע אינסטיטוציעס. עס איז באזונדערס ווערט צו דערמאנען דא דעם „דבר“־קאמיטעט, וועמעס טעטיקייט איז גוט באקאנט צו אונזערע חברים און פריינט. דורך דער איניציאטיווע פון קאמיטעט מיט זיין ענערגישן סעקרעטאר חבר מאיר קאסטאף, און מיט דער מיטהילף פון דער שריפטזעצער יוניאן לאקאל 83 און דער לייטונג פון געווערקשאפטן־קאמפיין, איז געלונגען אפצושיקן צום „דבר“ צוויי מאדערנע לייגאטייפס און א פרעס־מאשין, וועלכע האבן באטראפן צוזאמען די סומע פון 10,000 $ און האבן פילפאך מיטגעהאלפן, אז דער „דבר“ זאל ווערן גרעסער און פאלקאמענער.

אין יאר 1929, נאך די טרויעריקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, איז דורך דער לייטונג פון קאמפיין געלונגען צו שאפן דעם סכום פון 25,000 $, וועלכע איז געגאנגען פאר די דרינגענדע צוועקן וועלכע זיינען ארויסגערופן געווארן צוליב די אומגליקלאכע פאסירונגען. אין זעלביקן יאר איז דורך דער איניציאטיווע פון געווערקשאפטן־קאמפיין און מיט דער מיטהילף פון דר. מ. ל. ראזאף און אונזערע פריינט אין טאראנטא געשאפן געווארן אן עקסטרא סכום פון 6,000 $, וועלכע איז געגאנגען אף מיטצוהעלפן איבערברענגען קיין ארץ־ישראל א גרויסע גרופע חלוצים, וועמען עס האבן אויסגעפעלט די דרינגענדע רייזע־הוצאות.

אין די לעצטע פאר יאר איז אין אמעריקע גופא אנטשטאנען א חלוצים־באוועגונג, אין וועלכער עס זיינען שוין ארגאניזירט א צאל יוגנט־עלעמענטן, וועלכע מאכן זיך גרייט צו באטייליקן זיך פערזענלאך אין אויפבוי פון לאנד. אויך אין דער ארבעט האט דער אפיס פון געווערקשאפטן־קאמפיין ארויסגעוויזן די פולסטע מיטהילף.

דורך דער ביישטייערונג פון 15,000 $, וועלכע ריכטער בראנדייס האט איבערגעגעבן צום קאמפיין אין 1928, איז געלונגען צו פארשאפן דעם ערשטן קרעדיט און מאשינען פאר דעם לאנדווירטשאפטלאכן ארבעטער־קאאפעראטיוו „יכין“, וועלכער איז במשך פון די פארגאנגענע פינף יאר אויסגעוואקסן צו א גרויסער אויספיר־קראפט אפן געביט פון קאלאניזאציאנס־ארבעט אין ארץ־ישראל. די לייטונג פון קאמפיין האט אויך אקטיוו מיטגעהאלפן דער ספעציעלער דעלעגאציע פון „יכין“ אין דער גרינדונג פון די ערשטע דריי „חרות“־גרופן, וועלכע פארמאגן א באדייטנדע צאל אמעריקאנער מיטגלידער, וואס קלייבן זיך באזעצן אין ארץ־ישראל אף קאאפעראטיווע יסודות.

צו דעם אלץ דארף נאך צוגערעכנט ווערן די ווירקונג, וועלכע די ארץ־ישראל ארבעטער־דעלעגאציע האט געהאט אף דער קאנאדישער הדסה, וועלכע האט זיך באטייליקט מיט באדייטענדע סכומים פאר דער קופת חולים, באזונדערס פאר דעם מוצא־סאניטאריום. אונזער חשוב׳ער פריינט דר. ראטנאף האט פארשפראכן איינצושטעלן אן עקס־ריי מאשין אין דעם ארבעטער־שפיטאל אין עמק יזרעאל, און האט שוין אריינגעטראגן די ערשטע איינצאלונג פון 750 $.

אמעריקאן פעדערײשאן און לייבאר אין שיקאגא, וועלכע האט כא יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט איר ווארימסטע סאלידאריטעט צו דער ארץ־ישראל ארבעטערשאפט. די 48טע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן און לייבאר אין ניו־ארלינס נעמט אן אפיציעל א רעזאלוציע, לויבנדיק די הסתדרות־טעטיקייט און אויסדריקנדיק אנערקענונג צו די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן **פאר דער אקטיווער מיטהילף צו דער** ארגאניזירטער ארבעטערשאפט אין ארץ־ישראל. ענלאכע רעזאלוציעס ווערן אנגענומען בא די קאנווענשאנס פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס, די אמאלגאמייטעד, די אינטערנעשאנאל קעפ, העט און מילינערי יוניאן. געפילן פון פריינטשאפט ווערן אויך איבערגעגעבן דורך א פערזענלאכן מעסעדזש פון פרעזידענט גרין דורך ברודער פיינסטאון, וועלכער האט באזוכט ארץ־ישראל אין יאר 1930.

אט די פריינטשאפט האט זיך אויסגעדריקט אף פארשידענע געביטן, באזונדערס אין דעם איינטייל וועלכן די ארבעטער פירער האבן גענומען אין די יארן 1929־30 סיי אין דעם עמוירדזשענסי פאנד, ווי אויך אין דעם פראטעסט נעגן דעם פאספיעלד פאפיר, און אנדערע שוועריקייטן וואס זיינען נאר אנטשטאנען.

אונזער מינדלאכע און שריפטלאכע פראפאגאנדע.

עס וואלט אודאי פארנומען צופיל פלאץ איבערצוגעבן גענוי די צאל פון פארזאמלונגען, ימים־טובים און צוזאמענקונפטן, וועלכע זיינען דורכגעפירט געווארן אין פארבינדונג מיטן געווערקשאפטן קאמפיין פאר די פארגאנגענע 10 יאר. די פראפאגאנדע און אויפקלערונגס־ארבעט איז אימער געווען א וויכטיקער טייל פון אונזער טעטיקייט. אזוי האט געפאדערט די לאגע. אזוי האבן געפאדערט אלע פונקטן, וועלכע זיינען געווען באטייליקט אינם קאמפיין, און אלס רעזולטאט דערפון קומען פאר יעדן יאר הונדערטער קלענערע און גרעסערע פארזאמלונגען, וואו עס ווערט געבראכט אינפארמאציע און אויפקלערונג וועגן די פארשיידענע מאמענטן אין ארץ־ישראל אויפבוי. עס איז אן איבערטרייבונג צו זאגן, אז סיי די ווערטער פון אונזערע רייזענדע, סיי די שריפטלאכע פראפאגאנדע, וועלכע ווערט יאר־איין, יאר־אויס פארשפרייט דורך ליפלעטס און צייטשריפטן, זיינען געהערט און געלייענט געווארן פון הונדערטער טויזנטער אידישע ארבעטער און פאלקס־מענטשן. דער געווערקשאפטן־קאמפיין איז אף אזא אופן פארוואנדלט געווארן אין א וויכטיקער טריבונע, אין אן אינסטרומענט פאר מאסן־פראפאגאנדע, וועלכער ברענגט אין יעדן פארווארפענעם פונקט דאס ווארט פון ארבעטנדן ארץ ישראל; וועלכער וועקט און מונטערט די אידישע מאסן צו ווייטערע מעשים.

ניט אין א קלײנער מאס האבן בייגעטראגן צו דער אויפקלערונג צווישן די אידישע מאסן די גרוסן, וועלכע זיינען געבראכט געווארן דורך חשוב׳ע פארשטייער פון דער אידישער פרעסע, וועלכע האבן פערזענלאך באזוכט ארץ־ישראל. די אויספירלאכע ארטיקלען פון גענאסע אב. קאהאן, דעם רעדאקטאר פון „פארווערטס“, האבןווירקלאך געמאכט א רעוואלוציע אין די מוחות פון א גרויסער צאל אידישע ארבעטער. און דאן זיינען נעקומען די ארטיקלען פון הלל ראגאף, דוד פינסקי, הערי לאנג, און א גרויסער צאל אנדערע זשורנאליסטן, וועלכע האבן דורך ארטיקלען און ידיעות פיל מיטגעהאלפן צו פאפולער מאכן די הסתדרות און אירע קאנסטרוקטיווע שאפונגען.

א גרויסע עראייגנים אין לעבן פון געווערקשאפטן־קאמפיין זיינען אויך געווען די אפטע ארויסטרעטונגען פון פראמינענטע פערזענלאכקייטן, וועלכע האבן ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דער ארבעטער־באוועגונג, אבער וועלכע האבן ארויסגעוויזן גרויס פארשטענדניש און הויכע אכטונג פאר דער פיאנערישער ארבעט פון דער הסתדרות. דורך די פארגאנגענע צען יאר האבן מיר געהאט דעם כבוד צו הערן אף אונזער טריבונע די גרויסע דיכטער חיים נחמן ביאליק און שלום אש, די ציוניסטישע כלל־טוער דר. שמריהו לעווין, יוסף באראנדעס און צ. ה. מאסליאנסקי, און אין די לעצטע צוויי יאר דעם גרויסן וויסנשאפטסמאן, פראפעסאר אלבערט איינשטיין, וועלכער איז אויפגעטראטן אין לאס־אנדזשעלעס אין 1931 און 1933, און ביידע מאל געבראכט גרויס פרעסטיזש און אנזען צו אונזער באוועגונג. זאל דא אויך דערמאנט ווערן די טיפע פריינטשאפט און אפטע מיטהילף, וועלכע איז ארויסגעוויזן געווארן צו אונזער קאמפיין און צו דער הסתדרות דורך דעם הויך־געאכטעטן ריכטער לואיס ד. בראנדייס.

עס וואלט פארנומען צופיל פלאץ אויסצורעכענען דעם צעטל פון אלע אקטיווע און געטרייע טוער, וועלכע האבן מיטגעהאלפן אונזער קאמפיין במשך פון די פארגאנגענע 10 יאר. זיי געפינען זיך אין יעדער שטאט און שטעטל פון דער ברייטער אמעריקע און קאנאדע, און א טייל פון זיי ווערן דערמאנט אין די באריכטן פון די פארשיידענע שטעט און שטעטלאך. אבער עס איז ווערט צו אפשטעלן זיך אף די פיאנערן פון געווערקשאפטן־קאמפיין, אף די, וועלכע האבן במשך פון די 10 יאר באריזט פארשיידענע טיילן פון לאנד, געטאן סיי פראפאגאנדע־ארבעט, סיי די שווערע ארגאניזאציאנס־ארבעט, און גאנץ אפט אויך די וואכעדיקע ארבעט פון ארומגיין קלאפן אין די טירן און מאנען פון יעדן זיין חוב. צווישן זיי האבן זיך געפונען די חברים ברוך צוקערמאן, מאקס פיין ע״ה, יואל ענטין, אברהם שיפלאקאוו, י. שלאסבערג, דוד פינסקי, מ. פיינסטאון, בערל לאקער, מאיר בראון, לואי סיגאל, חיים גרינבערג, פנחס קרוזא, אב. העמלין, דר. רעבעלסקי, ה. באזין, צ. אריאל, ה. ערענרייך, פראפעסאר חיים פיינמאן, משה קאטץ, ש. באנטשעק, ב. באטווינִיק, י. העסטרין, ש. גאלדשטיין, שרה פעדער, דר. אפעלבוים, דר. יהודה קויפמאן אירמא לינדהיים, ש. סיגעל, גאלדע מייערסאן, דוד ווערטהיים, לייב גלאנץ, ש. בורשטיין, יעקב קאצמאן, חיים וויינטרויב, לאה בראון, פנחס גינגאלד, לאה ביסקין, ל. רובינשטיין, און צו זיי — א גרויסע צאל חברים סיי אין ניו יארק, ווי אויך איבערן גאנצן לאנד.

זאל די באלוינונג פאר אט די אלע חברים און אויך פאר די וואס ווערן ניט דערמאנט, זיין דער פאקט, וואס מיט געמיינזאמער אנשטרענגונג איז געלונגען צו באשאפן אט דאס ווערק וואס הייסט „געווערקשאפטן קאמפיין פאר דאס ארבעטנדע ארץ־ישראל.“

דער אלגעמיינער סך־הכל פאר די פארגאנגענע 10 יאר.

דער סך־הכל פון אונזערע פינאנציעלע דערגרייכונגען אין די פארגאנגענע 10 יאר איז ווי פאלגט:

ערשטער קאמפיין פון יאר	1924־25	$51,165.96
צווייטער ״ ״ ״	1926	110,077.85
דריטער ״ ״ ״	1927	136,101.72
פערטער ״ ״ ״	1928	137,802.95
פינפטער ״ ״ ״	1929	168,955.38
זעקסטער ״ ״ ״	1930	174,595 55
זיבעטער ״ ״ ״	1931	119,696.33
אכטער ״ ״ ״	1932	83,914.95
ניינטער ״ ״ ״	1933	70,611.69
דער טאטאל פון אונזערע דערגרייכונגען		$1,052,922.38

די געשאפענע געלדער קומען פון קארגע 300 פונקטן פון 40 שטאטן, 6 פראווינצן פון קאנאדע, און געוויסע סכומים פון מעקסיקא סיטי און פון האוואנא, קיובא. לויט דער אפשאצונג פונם נאציאנאלן אפיס האבן זיך אין פארלויף פון די פארגאנגענע 10 יאר באטייליקט מיט ביישטייערונגען קרוב צו טויזנט

אין די ווייטערע צוזאַמענפאָרן איז די פאַרטרעטערשאַפט ביי די קאָנווענשאָנס געשטיגן פון יאָר צו יאָר, אַזוי אַז צו דעם לעצטן צוזאַמענפאָר, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 26טן און 27טן נאָוועמבער, 1932, אין ניו־יאָרק, זיינען געוועזן דירעקט פאַרטראָטן די פאָלגנדע צאָל אָרגאַניזאַציעס:

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד — 54 ברענטשעס.
אַרבעטער רינג — 53 ברענטשעס.
יוניאָנס — 31 לאָקאַלע און צענטראַלע קערפּערשאַפטן.
פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס — 31.
פּועלי ציון ־ צעירי ציון — 14 ברענטשעס און צ. ק.
פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע — 12 קלובן.
יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — 19.
קאַמפּיין־קאָמיטעס — 20.
אָרדער בני־ציון — 10 קעמפּס.
צוזאַמען — 251 אָרגאַניזאַציעס מיט 703 דעלעגאַטן.

ארץ־ישראל אַרבעטער־דעלעגאַציעס.

מיט דער עטאַבלירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מער ממשות׳דיקע פאַרבינדונג מיט אונזערע חברים אין ארץ ישראל דורך שליחים, וועלכע די הסתדרות האָט דעלעגירט צו אונז, און וועלכע האָבן געהאָלפן נאָך ענגער מאַכן דעם וצזאַמענבונד און די פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון דער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט.

פירענדע ארץ־ישראל חברים זיינען געקומען אַהער נאָך אין די מלחמה־יאָרן. אַ דעלעגאַציע אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטער באַנק איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1921, באַשטייענד פון די חברים בערל קאַצנעלסאָן, מאַניע שוחט און יוסף ברץ. מיט דעם יאָר 1926 ווערן די שליחים פון דער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט אַ באַשטאַנד־טייל פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג אַרום דאָס אַרבעטנדע ארץ־ישראל. אין 1926 קומען אַהער אין שליחות פון דער הסתדרות די חברים י. בן־צבי, יוסף ברץ, ד. רמז און א. הארצפעלד. אין 1927 די חברים חיים אַרלאָזאָראָף, דוב האָז און זלמן רובאַשאָוו. אין 1928 די חברים אַרלאָזאָראָף, האָז, מערעמינסקי, און רחל בן־צבי. אין 1929 — דוד בלאָך, גאָלדע מייערסאָן, אַרלאָזאָראָף און מערעמינסקי. אין 1930 — דר. א. יורים און שמואל דיין. אין 1931 — בן־גוריון, חנה טשיזיק און יוסף ברץ. אין 1932 — זלמן רובאַשאָוו און שמעון קושניר. און לעצטן יאָר — די חברים י. מערעמינסקי, מעי בער, רחל קאַצנעלסאָן און גאָלדע מייערסאָן. און היי־יאָר האָט אונז די הסתדרות דעלעגירט איינעם פון אירע חשוב׳סטע פירער, יוסף שפּרינצאַק, וועלכער וועט מיט אונז מיטאַרבעטן אין דעם היי־יאָריקן קאַמפּיין.

די אַלע דעלעגאַציעס האָבן באַזוכט די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, זיינען אויפגעטראָטן באַ אַ רייע אַרבעטער קאָנווענשאָנס און איבעראַל געבראַכט דעם גרוס פון אַרבעט און אויפלעבונג, פון פּיאָנערטום און דערגרייכונגען. ניט נאָר אויפקלערונג איז געבראַכט געוואָרן דורך די שלוחים פון ארץ־ישראל, נאָר אויך געבראַכט געוואָרן דורך די שליחים פון ארץ־ישראל, נאָר אויך געמונטערט אונזערע טוער און פריינט און אימער אַריינגעבראַכט די פעסטע אַנטשלאָסנקייט ווייטער בויען, ווייטער אַרבעטן.

אַמעריקאַנער דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל און צום ערשטן וועלט־קאָנגרעס אין בערלין.

דאָס קומען פון ארץ־ישראל אַרבעטער־דעלעגאַציעס קיין אַמעריקע האָט אויך דערוועקט דעם וואונש, אַז פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג זאָלן באַזוכן ארץ־ישראל, אַריבערברענגען אַהין אונזער גרוס און זיך באַקענען אויפן פּלאַץ מיט דעם, וואָס די ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט האָט געשאַפן. אַזאַ באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן באַ דעם צוזאַמענפאָר ענדע 1929, און אין אויגוסט 1930 איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל די אַמעריקאַנער אַרבעטער־דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אברהם שיפּלאַקאָף, מאָרים פיינסטאָון, יוסף שלאָסבערג, מאיר בראַון און א. העמלין.

די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן אין ארץ־ישראל מיט גרויס פייערלאַכקייט און האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אַלע שאַפונגען אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און ווירטשאַפטלאַכן געביט. די דעלעגאַציע האָט באַזוכט אַלע שטעט און קאָלאָניעס, האָט געפירט פערזענלאַכע שמועסן מיט די אַרבעטער, און האָט אַדרעסירט גרויסע פאַרזאַמלונגען אין אַלע פונקטן פון ישוב. נאָך די פאַרשיידענע אונטערזוכונגס־קאָמיסיעס, וועלכע האָבן באַזוכט ארץ־ישראל אין פאַרבינדונג מיט די טראַגישע געשעענישן פון יאָר 1929, איז דער אָנקומען פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע געווען פאַר דער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט אַ גרויסער קוואַל פון דערמונטערונג און האָט קלאָר באַוויזן פאַר זיי די פריינטלאַכע סענטימענטן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע.

צוריקקומענדיק האָט די דעלעגאַציע אָפּגעגעבן אַ באַריכט צו דער 6טער קאָנווענשאָן, אין נאָוועמבער 1930, האָט זי פאַרעפנטלאַכט אירע איינדרוקן אין אַ ספּעציעלן נומער פון דער „געווערקשאַפטן קאַמפּיין צייטונג“, ווי אויך ביי גרויסע פאַרזאַמלונגען, סיי אין ניו יאָרק, ווי אויך איבערן לאַנד.

די זעלבע דעלעגאַציע האָט אויך פאַרטראָטן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ביים ערשטן וועלט־קאָנגרעס פאַר דאָס אַרבעטנדע ארץ־ישראל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין חודש סעפּטעמבער 1930 אין בערלין, און באַ וועלכן עס זיינען אָנוועזנד געוועזן פאַרטרעטער פון 24 לענדער, פון קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן אידישע אַרבעטער און פאָלקס־עלעמענטן פון דער גאַנצער וועלט. אויפן קאָנגרעס האָבן זיך אונזערע פאַרטרעטער פון אַמעריקע באַגעגנט דעם ערשטן מאָל מיט אונזערע מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער, און צוזאַמען געלייגט דעם יסוד פאַר דער וועלט־ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל.

דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ גרויסן פאַרדינסט פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל האָט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין געהאַט ניט בלויז דורך דער דערנענטערונג פון די אידישע מאַסן, נאָר אויך דורך דער אויפקלערונג, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט צווישן די פירנדע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג.

נאָך אין יאָר 1926 איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון פאַרשטאָרבענעם סאָציאַליסטישן פירער, יודזשין דעבס, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין גליקס־געפיל דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט די פאַרטרעטער פון דער יונגער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט, און גיט איבער דערביי זיינע וואַרימסטע וואונשן צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעט פון דער הסתדרות און צו דעם פאַרזוך, וועלכן די ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט מאַכט, „צוריקקערן די אידישע ראַסע צו דער היים פון זייערע אָבות, און געבן איר די געלעגנהייט אויסצואַרבעטן אַלס אומאָפּהענגיקע נאַציע איר אייגענעם גורל“. געפילן פון סאָלידאַריטעט און פאַרשטענדעניש פאַר אונזער ווערק איז אויך אומצייליקע מאָל אַרויסגעוויזן געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע פירער נאָרמאַן טאָמאַס, דער פאַרשטאָרבענער וויקטאָר בערגער, און אַ רייע אַנדערע.

אין יאָר 1928 קומט צום אויסדרוק די סימפּאַטיע פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. צו דער קאָנווענשאָן פון 2טן יאַנואַר קומט אָן אַ וואַרימע באַגריסונג פון פּרעזידענט גרין. אין זעלבן יאָר ווערט חבר מערעמינסקי אויפגענומען פון דער

פון סימפאטיעס צו מעשים.

די געווערקשאפטן, און צוזאמען מיט איר אלע סאציאליסטישע און ארבעטער־ארגאניזאציעס, וועלכע האבן פייערלאך אויפגענומען איר באשלוס, זיינען ניט געבליבן בלויז בא ווערטער, נאר זיי האבן גלייך אנגעפאנגען טראכטן ערנסט וועגן א ממשות׳דיקער אקציע, וועלכע זאל אויסדריקן מיט זיך די טיפע געפילן פון פריינטשאפט און פארברידערונג צו דער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל. אין אקטאבער 1923 קומט פאר אין דער „האיאס״־געביידע דער ערשטער צוזאמענקונפט פון ארבעטער־פירער מיט פארטרעטער פון דער פועלי־ציון פארטיי, צעירי ציון און פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, וואו עס ווערט אפיציעל פארמירט דער „געווערקשאפטן קאמיטעט פאר די ארגאניזירטע אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל״. אלס די ערשטע באאמטע ווערן דערוויילט מאקס פיין, פארזיצער; מאקס צוקערמאן, קאסירער, און אייזיק העמלין, סעקרעטאר. באם צוזאמענקונפט ווערט אויך באשטימט ארויסצוטרעטן מיט א געלט־אקציע אף דער סומע פון $150,000 און זאפארט אנפאנגען מאכן דערצו אלע נויטיקע פארבארייטונגען.

1924, דער ערשטער קאמפיין.

דעם 14טן פעברואר, 1924, איז געווען דער ערשטער עפנטלאכער ארויסטריט אין דעם זאל פון קופער יוניאן. דאס איז געווארן א נייע פאסירונג אין דער אידישער ארבעטער־גאס, צו וועלכער פילע האבן זיך באצויגן זייער סקעפטיש, אבער ווער נאר עס איז אנוועזנד געווען אין דעם זאל האט געזען בחוש די גרויסע ענדערונג, וועלכע קומט פאר אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג, און האט געשפירט דאס אנקומען פון א נייער תקופה. דער טשערמאן פון יענער פארזאמלונג איז געווען דער פארשטארבענער ארבעטער־פירער מאקס צוקערמאן, און צווישן די רעדנער זיינען געווען אברהם שיפלאקאף, יוסף שלאסבערג, גענעראל־סעקרעטאר פון דער אמאלגאמייטעד; דזש. גאלדשטיין, נאציאנאלער ארגאנייזער פון די בעקערס; ישראל פיינבערג, דער דאמאלסטיקער מענעדזשער פון די קלאוקמאכער, און מאיר בראון, פרעזידענט פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד.

אלס זכרון פון דער העכסט וויכטיקער גרינדונגס־פארזאמלונג וועלן דינען די פאלגנדע ווערטער פון דעם פארשטארבענעם מאקס פיין: „. . . דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס ארבעטער פארזאמלען זיך צו צעברעכן א געטשקע, צו פארניכטן א־דאגמע, און ארונטערנעמען א חרם פון א טייל פון אונזערע שוועסטער און ברידער.״ ווען אט די ווערטער זיינען ארויסגעזאגט געווארן, האט אין זאל אויסגעבראכן אן אומבאשרייבלאכער שטורם פון אפלאדיסמענטן. דער עולם האט מיטאמאל דערפילט א באנייטן ווילן צו מעשים פון פיאנערטום, א בענקשאפט צו געמיינזאמקייט מיטן חלוץ, וואס קומט פון אלע לענדער אויפצובויען דאס ארבעטנדע ארץ ישראל.

בא דער פארזאמלונג זיינען דאן געשאפן געווארן די ערשטע $8,000. עס איז אפיציעל פראקלאמירט געווארן דער געווערקשאפטן־קאמפיין און עס איז אנגענומען געווארן א פייערלאכע רעזאלוציע, וועלכע שיקט איבער צו די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל איר ברידערלאכן גרוס און פארזיכערונג פון וויטערדיקער ברידערלאכער מיטהילף און הייכער אפשאצונג פון זייער ארבעט.

אזוי שנעל ווי עס איז ארויסגעלאזן געווארן דער ערשטער רוף, אונטערגעשריבן פון אלע אנפירער פון די אידישע טרייד־יוניאנס און פראגרעסיווע ארבעטער־ארגאניזאציעס, האט זיך אנגעפאנגען א באוועגונג איבערן גאנצן לאנד. די ערשטע שטעט, וואס זיינען צוגעשטאנען צו דער ארבעט, זיינען געווען באסטאן, שיקאגא, דעטראיט, נוארק, קליוולאנד, פילאדעלפיע, באלטימאר, פיטסבורג, מאנטרעאל, טאראנטא און א צאל אנדערע שטעט און שטעטלאך פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע. פון אומעטום זיינען אנגעקומען באגייסטערטע בריוו פאר דעם וויכטיקן שריט פון די געווערקשאפטן. עס האבן זיך ארגאניזירט לאקאלע קאמיטעטן מיט דער באטייליקונג פון טרייד יוניאנס, ארבעטער־רינג ברענטשעס, פועלי ציון, צעירי ציון, פארבאנד ברענטשעס, און א רייע אנדערע פראגרעסיווע עלעמענטן, און דער פראקלאמירטער געווערקשאפטן־קאמפיין האט זיך אנגעפאנגען.

דער סך־הכל פון ערשטן קאמפיין.

אודאי איז עס ניט געגאנגען אזוי לייכט. די התחלה, דער מאראלישער כח פון קאמפיין האבן אויפגערודערט א באדייטנדע טייל פון דער ארבעטער־באוועגונג, אבער אלטע געגנער האבן ניט גערוט. ניט אזוי לייכט געקענט שלום מאכן מיט דעם נייעם וועג. שטערונגען זיינען געלייגט געווארן אין א גאנץ היבשער מאס, און די ערשטע פיאנערן אף אט דעם געביט איז אויסגעקומען דורכצומאכן גאנץ היבשלאכע ליידן און שוועריקייטן. אבער דאס אלין האט ניט געקאנט אפהאלטן די עקשנות און אנטשלאסנקייט סיי פון די ארגאניזאציעס, ווי אויך פון די טוער, וועלכע האבן זיך ארומגעקליבן ארום דאס ניי־געבוירן קינד. אט די ענערגיע און עקשנות האט ביינגעקומען פילע שוועריקייטן, און די ארבעט האט אנגעהויבן זיך דערשלאגן א וועג צום הארצן פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג פון אמעריקע.

דער ערשטער קאמפיין איז פארענדיקט געווארן דעם 16טן יולי, 1924, מיט דעם סכום פון $51,165.96. דאס איז געווען די ערשטע התחלה, וועלכע האט באוויזן, אז די אידישע מאסן סימפאטיזירן מיט דער נייער באוועגונג, און דאס האט געגעבן מוט און קוראזש אנגיין ווייטער, און פארוואנדלען דעם געווערקשאפטן־קאמפיין אין א פערמאנענטער אינסטיטוציע אף דער אידישער ארבעטער־גאס.

ווייטערדיגע קאמפיינס; נאציאנאלע צוזאמענפארן.

ענדע 1925 פאנגט זיך אן דער צווייטער קאמפיין, וועלכער ווערט דאס מאל פראקלאמירט און געקרעפטיקט בא דער ערשטער נאציאנאלער קאנווענשאן פאר דאס ארבעטנדע ארץ־ישראל, וועלכע קומט פאר דעם 3טן יאנואר, 1926, אין האיאס האל. צו דער קאנווענשאן זיינען געקומען 300 דעלעגאטן פון 150 ארגאניזאציעס. זי האט ארויסגערופן גרויס אנזען אין דער אידישער עפנטלאכקייט דורך איר רעפרעזענטאטיוון און ערנסטן כאראקטער.

פון דאמאלסט אן זיינען די נאציאנאלע קאנווענשאנס געווארן א יערלאכע אינסטיטוציע און זיינען פארוואנדלט געווארן אין א טריבונע פון אויפקלערונג און פון גרויס אינספיראציע פאר די אידישע ארבעטער־מאסן. יעדער צוזאמענקונפט האט זיך מיט עטוואס אויסגעצייכנט. יעדע קאנווענשאן האט געגעבן מוט און קוראזש אלע טוער איבערן לאנד. אלע אנגעשלאסענע ארגאניזאציעס, פארצוזעצן ווייטער זייער ארבעט און דערגרייכן וואס גרעסערע רעזולטאטן.

דער צווייטער צוזאמענפאר, וואס איז פארגעקומען דעם 2טן יאנואר, 1927, אין „פארווערטס״־האל, מיט דער באטייליקונג פון 452 דעלעגאטן, האט געמאכט דעם קאנסעקווענטן אויספיר פון די פארגאנגענע צוויי יאר ארבעט דורך דעם, וואס ער האט זיך דערקלערט אלס פערמאנענטע קערפערשאפט פון די אידישע ארבעטער־מאסן אין אמעריקע פאר דאס ארבעטנדע ארץ ישראל. די קאנווענשאן האט אויסגעדריקט גרויס אפשאצונג פאר דעם היסטארישן פארדינסט פון די געווערקשאפטן אין אויפהויבן אט די באוועגונג, און האט ארגאניזירט דעם נאציאנאלן ארבעטער־קאמיטעט — דעם אויספיר־ארגאן, וועלכער פירט אן די פראקטישע ארבעט ביזן היינטיקן טאג.

צען יאָר געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

פון א. העמלין

שוין גאַנצע צען יאָר פאַראיבער! דאַכט זיך, אַט ערשט האָט זיך עס אָנגעהויבן, — און דאָך, וויפיל אַרבעט, מי און אָנשטרענגונג, וויפיל הערלאַכע און ברויזענדע מאָמענטן, וויפיל פיינע דערגרייכונגען פאַר אונזער פאָלק און פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל! איצט, בעת מיר שטייען נאָך אין מיטן דער אַרבעט, קען מען ניט שרייבן קיין פולשטענדיקע געשיכטע. פאַר דעם וועט זיכער קומען אַן אַנדערע, מער גינסטיקע צייט. דערווייל זאָל נאָר געמאַכט ווערן אַ קורצער סך הכל, זאָלן פאַרצייכנט ווערן די קאַפּיטלען פון טרייהייט און איבערגעבנקייט, און זאָל עס דינען אַלס דערמוטיקונג, אַלס אָנרעגונג צו ווייטערער אַרבעט און צו נאָך גרעסערע נצחונות.

דער אָנהויב.

פּונקט מיט צען יאָר צוריק, אין 1923, האָט די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אָנגענומען איר פייערלאַכן באשלוס צו פאַרבינדן זיך מיט דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל און געבן איר די פולסטע מאָראַלישע און פינאַנציעלע מיטהילף. דאָס יאָר איז אצינד געוואָרן אַ היסטאָרישע דאַטע אין לעבן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אַן אָפּווענדונג פון אַלטע, אומזיסטיקע פאָראורטיילן, אַ דערנענטערונג פון ברידער צו ברידער, אַן אָנפאַנג צו פאַראייניקן די אידישע אַרבעטער משפּחה אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע מאַכט דורך די זעלביקע לײדן און איז גלייכגילטיק פאַראינטערעסירט אין אַ בעסערן לעבן פאַר אונזער פאָלק און פאַר דער אַרבעטנדער מענטשהייט.

ווי יעדער אָנפאַנג פון גרויסע פּאַסירונגען, איז אויך אַט די התחלה געווען אַ גאַנץ באַשיידענע. נאָך אין יוני 1923 קומט פאָר אַן אינטימער צוזאַמענקונפט אין איינעם פון די איסט־סיידער רעסטאָראַנען, וועלכער איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אויף דער איניציאַטיווע פון מאַקס פיין און הערי לאַנג.

עס איז דאָן גערעדט געוואָרן וועגן איניקע פראַגן, אָבער אַבּיסטאַריסטן אָנגערעדט האָבן די מעשים פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. אַלע האָבן זיך געאייניקט, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין די פּאָליטישע איבערצייגונג פון די פאַרשידענע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, מוז אָבער געגעבן ווערן די פולסטע מיטהילף צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל אין איר פּיאָנערישן פאַרזוך אויפצושטעלן אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט און מאַכן דאָרט פּלאַץ פאַר די גרויסע מאַסן פון אידישן פאָלק.

אין צוויי חדשים אַרום קומט אָן די אָפיציעלע ווענדונג פון דער הסתדרות צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער הסתדרות גיט איבער שריפטלאַך גענויע ידיעות וועגן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, אירע צילן און אויפגאַבן, און וועגן דער פאַרצווייגטער אַרבעט, וועלכע זי האָט אַנטוויקלט אויף דעם געביט פון לאַנד־ווירטשאַפטלאַכע און אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון וועגן דער בוי־באַוועגונג אין לאַנד, די אַרבעטער קראַנקן־קאַסע, ועדת התרבות, וועגן די יוניאָנס, — אין קורצן, וועגן אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען פאַראייניקט אונטער דער פאָן פון דער הסתדרות, און פון וועלכע עס דאַרף אויסוואַקסן די אידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די ווענדונג פון דער הסתדרות ווערט זייער ערנסט פאַרהאַנדלט בא דער זיצונג פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן דעם 24טן יולי, 1923. אַ נייַ לעבן פון פּיאָנערטום ווערט אַנטפּלעקט פאַר אַלע דעלעגאַטן. אַ הערלאַך בילד פון אַ יונגער און מוטיקער אַרבעטער־באַוועגונג די ווענדונג רופט אַרויס גרויס ענטוזיאַזם און די געווערקשאַפטן באַשליסן ענטפערן דער הסתדרות דאָס זי איז גרייט צו העלפן פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס און דערמיגלאַכן אַריינצונעמען אין ארץ־ישראל וואָס גרעסערע מאַסן און זיי אָרגאַניזירן אין די אַרבעטער רייען. אין דעם זין ווערט אָפּגעשיקט אַ וואַרימער און געפילפולער בריוו פון די געווערקשאַפטן און איר דאַמאָלדיקן סעקרעטאַר, מאַקס פיין.

שטענדיק אַף דער וואַד.
שטייענדיק: א. העמלין, גאַצ. סעקרעטאַר; צ. א. אריאל, געהילפס־סעקרעטאַר.
זיצנדיק: אב. העמלין און פּנחס קרוזאָ, אונזערע רייזענדע דירעקטאָרן.

צום 10 יאָריגן יובילעאום פון געווערקשאפטן קאמפיין
פאר דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין פאַלעסטינא:

איך וויל אייך באגריסן אין דעם נאָמען פון אונזער אינטערנעשאָנאל און אין מיין אייגענעם נאָמען אויף דער גרויסער און נאָבעלער ארבעט וואָס איר זעצט פאָר מיט אזא איבערגעבנהייט און ענטוזיאזם פאר די לעצטע צען יאָר — די גייסטיקע און מאַטעריעלע שטיצע פאר די אידישע טרייד-יוניאָנס אין ארץ ישראל.

דער ארבעטער פאַרבאַנד אין פאלעסטינא — די הסתדרות — האָט דיזע שטיצע כשר פאַרדינט ניט בלויז ווייל ער איז א ברודער פאַרבאַנד אונזערער, א טרייד-יוניאָן, נאָר אויך דאפיר, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסן קאָנסטרוקטיוון פאַקטאָר אין דעם אידישן אויפבויאונגס לעבן אין פאלעסטינא און איז א קוואַל פון ארבעטער קולטורעלע און גייסטיקע איניציאטיווע אויף יעדן געביט פון ארבעטער לעבן דאָרט.

אין די פאַרלאָפענע יאָרן האָט אונזער אינטערנעשאָנאל, און די אָרגאַניזאציעס און לאָקאלן וואָס זיינען מיט אונז פארבונדן, געשטיצט דעם געווערקשאפטן קאמפיין אזוי פיל וויפיל מיר האָבן געקענט. איך וויל האָפן אז מיר וועלן אויך ווייטער לייסטן דיזעלבע הילף, צוזאמען מיט די אנדערע אפטיילונגען פון אונזער באוועגונג, מיט דעם באַוואוסטזיין אז מיר דערפילן דערמיט א חוב פון ארבעטער סאָלידאַריטעט און ארבעטער אייניקייט.

ברידערלאך אייערע,

דוד דובינסקי, פרעזידענט

אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן

די טאַט איז די דערלייזונג

פון אנשעל רייס
סעקרעטאר פון וועלט־ראַט פּועלי ציון־צעירי ציון

צען יאָר געווערקשאפטן קאמפיין, איז ניט נאָר א יובל פון דער עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע — פיל, פיל מער איז עס א יובל פון ארבעט. בעיקר איז עס א יובל פון אונזער ארבעטס־סיסטעם בכלל און דעם צוגאַנג אונזערן צו די פּראָבלעמען פונ׳ם ארץ ישראל אויפבוי. אונטער אלע תנאים, אין אן אומאויפהערלאכן קאמף מיט אלע אויסערלאכע און אינערלאכע שוועריקייטן און מניעות מוז געטאָן ווערן די ארבעט, ווייל נאָר דאן קאָן זי ברייננגען דעם דערוואַרטעטן דערפאָלג.

קיין פאָלק איז עס ניט אָנגעקומען לייכט, זיך אויסצובויען די פרייהייט און צו שאַפן זיין זעלבסטשטענדיקייט. נאָך ווייניקער קאָן דאָס זיין לייכט, פאַר דער אידישער מאַסע, פאַר דער אידישער ארבעטערשאַפט, וואָס געפינט זיך אין אזוי פונדאַמענטאל באזונדערע און אזוי פארשידענע באדינגונגען ווי די אנדערע נאַציאָנאלע קבוצים. דאָס איז א לאַנג־דויערנדער געשיכטלאכער פּראָצעס, וואָס מוז דורכמאכן פון צייט צו צייט אויפשוואונג און צוריקפאַל, אלס רעזולטאט פון די אלע פארשידענע כחות, וואָס האָבן אן אנטייל גענומען אין דער געשטאַלטונג פון דעם אידישן געזעלשאפטלאכן לעבן. די פּאָרויסזעצונג אבער פאַר דעם אנטגילטיקן דערפאָלג, איז די אומאויפהערלאכע, אנשטריינגונג, די ארבעט און טאַט בא אלע תנאים.

דער רעוויזיאָניזם האָט ניט נאָר געוואָלט פארוואנדלען דעם ציוניזם אין א באוועגונג מיט רעאקציאָנערע טענדענצן, אָבער ער האָט געוואָלט אויך אים אראָפּפירן פון דעם היסטאָריש איינציק ריכטיקן וועג פון אומאויפהערלאכער טאַט. זיין „פילאָזאָפיע“, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין דעם באקאנטן גרונדזאַץ: צוערשט באדינגונגען און דאן דינגע (אויפטוען), האָט אים פאראורטיילט צו אן אבסאָלוטער אומאקטיוויטעט און אויך אים פארלייכטערט פּסיכאָלאָגיש איבערצייגן צו דירעקטער סאבאָטאַזש פון דער שאַפנדער און בויענדער טאָג־טעגלאכער ארץ ישראל ארבעט. מיט ניט געבן „קיין מאַן און קיין סענט“ פאַר ארץ ישראל, ווי עס האָט עס פאַר א צייט באצייכנט א רעוויזיאָניסטישער פירער זייער פּאָליטיק — האָט מען געוואָלט „צווינגען“ די ענגלישע מאנדאטאר מאכט און די אראבישע עקזעקוטיווע צו ענדערן זייער באציאונג צום ציוניזם.

דער ארבעטער ציוניזם, האָט געקעמפט געגן דער טענדענץ מיט דער גאנצער גוואלט פון זיין כוח, און בעיקר מיט א פאַרשטארקטער ארבעט אין ארץ ישראל גופא. די לעצטע יאָרן האָבן אָן ספק באוויזן דער ברייטער ציוניסטישער עפנטלאכקייט, וועלכער פון די צוויי וועגן איז דער וואָס פירט צו דער רעאליזירונג פון דעם ציוניזם. די לעצטע וואלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָבן אונזער באוועגונג געגעבן מער ווי א פערטל מיליאָן שטימען, זיינען דער בעסטער ענטפער וועלכן די ציוניסטישע עפנטלאכקייט האָט געקאָנט געבן.

זעט טאקע אונזער גאנצע וועלט־באוועגונג אין דער אָנשטריינגונג, וואָס באגלייט זייט צען יאָר די לייסטונגען פון דעם געווערקשאפטן קאמפיין, דעם בולטסטן אויסדרוק פון דעם פּרינציפּ: די פּראקטישע טאַט, די שטענדיקע ארבעט אין ארץ ישראל — זיינען דער זיכערסטער פונדאַמענט פאַר׳ן רעאליזירן פון אונזערע באשטרעבונגען. די וועלט־באוועגונג קוקט זיך שטענדיק צו, יעדעס יאָר, מיט א אומגעהויערן אינטערעס צו דער ארבעט און די לייסטונגען פון דעם געווערקשאפטן קאמפיין און באגלייט אים מיט די הארציקסטע ברכות.

מיט נאָך א שטארקערן אינטערעס, וועט די וועלט באוועגונג אויפנעמען דעם קאמפיין אין דעם יאָר, דעם צען יאָריקן יובל קאמפיין. זי וועט אים באגריסן אלס דעם אָנזאָג פון אונזער פארטיי, פון אונזערע חברים און פריינט דאָ, צו נייע אָנשטריינגונגען פאַר דער ארץ ישראל טאַט, אלס דעם אויסדרוק פון א באנייטן קאמפיין צו נייע אויפטוען, און דעם פאַרשטארקטן באוואוסטזיין אז: די טאַט איז די דערלייזונג.

באַגריסונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי פּועל ציון - צעירי ציון

אין א אויסעראָרדענטלאכער שעה פאַר דעם אידישן פאָלק און ציוניזם בכלל און פאַר דעם ארבעטנדן ארץ ישראל בפרט קומען זיך צוזאמען די דעלעגירטע צום היי־יאָריקן צוזאמענפאָר.

א זאך וועגן וועלכע די בויער און באגרינדער פון דער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער באוועגונג האָבן נאָר געחלומט — איז שוין בא היינטיקן טאָג, דער איינציקער געזונטער צוציאונגס־אָרט פאַר דער אידישער עמיגראציע. ארץ ישראל איז געוואָרן ד ע ר ענטפער, דער איצט, איידער, איינציקער מעגלאכער קאָנסטרוקטיווער ענטפער אף דער אידישער נויט אין מזרח אייראָפּא און אף דער עמיגראציע נויט פאַר דייטשע אידן אף וועלכע ס׳האָט זיך אראָפּגעלאָזט די שווערע ברוטאלע האנט פון פינסטערן היטלעריזם.

מיר האָבן שוין אויך פאַר זיך די נייע דערשיינונג פון חלוצים פון אמעריקע. אויסגעמוטשעטע דורך די לעצטע קריזיס יאָרן, אנטוישטע אין דער אילוזיע פון די גרויסע אמעריקאַנער „גלייכע געלעגנהייטן“, קומען שוין הונדערטע יונגע אָקבעטער אין אמעריקע צום געדאנק פון פארבינדן זייער שיקזאל און זייער צוקונפט מיט דעם ארבעטנדן ארץ ישראל.

עס איז קלאָר, אז די דערשיינונג פון חלוצים פון אמעריקע איז א דירעקטער רעזולטאט פון דער צען יאָריקער טעטיקייט פון געווערקשאפטן קאמפיין. דאָס איז געווען ניט ווי מאנכע האָבן געדענקט בלויז א געלט קאמפיין, נאָר עס איז אויך אומשעצבאר. די ערנסטע און טיפע פּראָפּאגאנדע און דער געשאפענער יערלאכער קאָנטאקט מיט ארץ ישראל דורך די שליחים פון דער הסתדרות.

היינט צו טאָג אנערקענען דאס שוין אלע, אז מער וויפיל מיר האָבן געגעבן ארץ ישראל האָבן מיר גענומען. אונזער ארבעט פאַר דעם ארבעטנדן ארץ ישראל האָט אונז דערמוטיקט פאַר אלע אנדערע אידישע און ארבעטער אקטיוויטעט. די באגייסטערונג וואָס דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל האָט אונז געגעבן האָט דערוועקט אין אונז נייע קוואלן פון ענערגיע פאַר אלע אונזערע טעטיקייטן און נייעם מוט פאַר דעם קאמף פאַר אונזער נאַציאָנאלער און סאָציאלער אויפלעבונג.

מיר ווינשן דעם צוזאמענפאָר צו זיין א אמת׳ר ווירדיקער שלום פון די ערשטע צען יאָר און שאַפנדער אָנהויב פון א נייער תקופה פון גרויסע אנשטריינגונגען און גרויסע רעזולטאטן, צוגעפאַסט צו דעם געבאט פון דער שעה, צו דער נויט פון די אידישע ארבעטנדע מאַסן און האָפנונגספולע מעגלאכקייטן פון ארבעטנדן ארץ ישראל.

צענטראל קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאליסטישער ארבעטער פארטיי פּועלי ציון - צעירי ציון

דוד ווערטהיים, סעקרעטאר

א באגריסונג פון דער גענעראל עקזעקוטיווע

פון אידיש־נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד

מיר שיקן אונזער הארציקסטע באגריסונג צו אלע טוער פון געווערקשאפטן קאמפיין לטובת דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל צו די דערגרייכונגען פאר די לעצטע צען יאָר.

די ארבעט אין אמעריקע לטובת דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל האָט ארייגגע־בראכט יום־טוב אין די רייען פון די אידישע ארבעטער און פאָלקס מאַסן אין לאַנד. הונדערטער טוער אין קאמפיין האָבן אין דער ארבעט געפונען דעם העכסטן אויסדרוק פון אידעאליזם און איבערגעבנהייט צו דעם גרויסן אידעאל פון אויפבויען ארץ ישראל אלס א אידישע נאַציאָנאלע היים אויף גערעכטע ארבעטער יסודות.

זאָלן די ערשטע 10 יאָר דערגרייכונגען פאר דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל און די פארצווייגטע ארבעטער אינסטיטוציעס וואָס די הסתדרות האָט אויפגעבויט דינען אלס דערמוטיקונג און אנטשלאָסנקייט די ארבעט אויסצוברייטערן אויף א פיל גרעסערן פארנעם און מעגלאך מאכן די פולשטענדיקע פארווירקלאכונג פון די צילן און אויפגאבן פון דער ארבעטער באוועגונג אין ארץ ישראל.

גענעראל עקזעקוטיווע
פון
אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאַנד

ל. סיגאל, סעקרעטאר

א באגריסונג פון די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן

די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן שיקט איר הארציקסטע באגריסונג צו דעם נאציאנאלן ארבעטער קאמיטעט לכבוד דעם צען־יאריקן יובילעאום פון געווערקשאפטן קאמפיין פאר די ארגאניזירטע אידישע ארבעטער אין פאלעסטינא

דער צען יאריקער יובילעאום פון געווערקשאפטן קאמפיין פאלט צונויף מיט דעם 45־יאריקן יובילעאום פון די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן. פינף און פערציק יאר נאכאנאנד האט די געווערקשאפטן ארגאניזירט די אידישע מאסן אין טרייד יוניאנס, האט געקעמפט פאר דער פארבעסערונג פון זייער לאגע און האט זיי געלערנט דעם געפיל פון ברידערלאכע סאלידאריטעט. פאר 45 יאר האט זיך די געווערקשאפטן אימער אפגערופן אף יעדער פראגרעסיווער ערשיינונג אין דער ארבעטער באוועגונג און איז אימער גרייט געווען צו ערפילן איר פליכט. און מיט באזונדערן שטאלץ און צופרידנהייט קוקן מיר אף דער נייסטער שאפונג פון דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע, וועלכע איז אנטשטאנען אין די לעצטע צען יאר. מיר זיינען איבערגליקלאך, וואס אונז איז געלונגען צו שאפן אזא ברידערלאכע פארבינדונג צווישן אונז און דער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל.

האבנדיק הינטער זיך אזא גלענצענדן רעקארד, פארהאפן מיר אז די ארבעט וועט ווייטער פארטגעזעצט ווערן און אונזערע פארבינדונגען מיט די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל וועלן נאך שטארקער ווערן, און די קומענדע קאמפיינס וועלן דורכגעפירט ווערן מיט גלענצענדן ערפאלג. די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן, אלס די מוטער־ארגאניזאציע און די גרינדערין פון נאציאנאלן ארבעטער־קאמיטעט, וועט אויך אף ווייטער געבן איר פולסטע מיטהילף אין אט דער וויכטיקער ארבעט, וועלכע ווערט אונטערנומען.

גלייכצייטיק שיקן מיר אונזער הארציקן גרוס דער הסתדרות און אונזער ברידערלאכע פארזיכערונג, דאס מיר וועלן ווייטער שטיין אין געשלאסענע רייען פאר דעם ערפאלג פון אייער ארבעט אין פאלעסטינע, און פאר דעם אנטגילטיקן זיג פון סאציאליסטישן אידעאל.

מיט ברידערלאכן גרוס,

מ. פיינסטאן, סעקרעטאר.

צום יובל פון געווערקשאפטן קאמפיין

פון מאיר בראון

ווען דער יובל־צונויפפאר פון די טוער און מיטקעמפער פארן ארבעטנדן ארץ ישראל וועט פארקומען, וועל איך זיין אפן וועג אהין.

אבער מיינע ברכות און חברשן גליקוואונטש צו אייער דערפאלגרייכן צוזאמענפאר וועל איך אין יענע טעג אויסדריקן אפן שיף אין מחשבה און גייסטיקער נאענטקייט צו אייך אלעמען.

צען יאר פון אחריותפולער ארבעט, צען יאר פון פראפאגאנדא, פון זארג, פון פיקן זיך פארפליכטעט צום בויען פון א ניי אידיש ארבעטער לעבן אין ארץ ישראל. שטייען הינטער אונז, — די צען יאר זינען ניט פארלארן געגאנגען.

שטאט נאך שטאט, פאזיציע נאך פאזיציע זיינען געוואונען געווארן.

אבער נאך וויכטיקער זיינען די געוואונענע, די געפונענע נשמות, וועלכע זיינען געראטעוועט געווארן פאר אונזער באפרייאונג־אידעאל, וועלכע האבן אונזערע ארבעטער מחנות געשטארקט, וועלכע האבן דעם גרויסן בנין פון ארץ ישראל העובדת זייער חלק צוגעטראגן.

דער נאציאנאלער ארבעטער קאמיטעט פארן ארבעטנדן ארץ ישראל האט געשיכטע געשאפן, און יעדער פון אייך מאג זיך באטראכטן אלס בייטרעגער צו דעם היסטארישן פראצעס פון באנייאונג און באפרייאונג פון אידישן ארבעטער מענטש.

אמעריקע, אונזער אמעריקע, שאפט ניט בלויז געלט־מיטלען, זי באדארף זיך באטראכטן אלס מיטבויערין צוזאמען מיטן אידישן ארבעטער פון ארץ ישראל.

היי־יאר ווערט באזונדערס וויכטיקער די אויפגאבע, ווייל אין דעם געווערקשאפטן קאמפיין פון היי־יאר איז דא די צענטראלע אויפגאבע, דער מפעל ארלאזאראוו. דער באוואוסטזיין, אז מיטן געלט פון געווערקשאפטן קאמפיין וועט געבויט ווערן א גרויסער אידישער ישוב אפן נאמען פון אונזער טראגיש־פארלארענעם פירער, חיים ארלאזאראוו, וועט געוויס צינדן אין אונזערע חברים דעם באגער צו גרעסערע מעשים, צו גאר גרויסע רעזולטאטן.

איך באגריס אייך אלעמען, חברים - טוער און ארבעטער, צו אונזער צען יאריקן יובילעאום. די אידישע ארבעטערשאפט פון ארץ ישראל וועט אייער יום־טוב באטראכטן אויך אלס איר יום־טוב, ווייל פון איין טויג זיינען מיר געקנאטן, און איין אידעאל וואַרימט אונז אלעמען.

זאל אחריות פאר דער איצטיקער צייט, און פאר די אידישע ארבעטער נויטן באווירקן דעם צוזאמענפאר און פירן אייך צו גרעסערע דערפאלגן.

א ווארט פון חבר ברוך צוקערמאן

(פון זיין נסיעה איבער פוילן)

מיין ליבער העמלין:

איך פרוביר צוזאמענצושטעלן א לייגערן ארטיקל פאר דעם סואוועניר בוך וועגן דער ווירקונג פון דער הסתדרות אף דעם אמעריקאנעם יודענטום. בין אבער אין איצטיקן מאמענט שרעקלאך פארנומען ארומפארנדיק פון באן צום זאל־ און פון זאל צום באן. באנוץ איך זיך מיט דער געלעגנהייט אייבערשיקן מיין הארציקסטן גרוס און פילע ברכות צו אלע טוער פון געווערקשאפטן קאמפיין, צו אלע ארבעטער ארגאניזאציעס און יחידים וועלכע האבן זיך ארומגעקליבן ארום אונזער גרויסן און באפרייענדן ארבעטער ווערק אין ארץ ישראל.

אייער,

ברוך צוקערמאן



א באַגריסונגס־וואָרט צו דער הסתדרות
פון אב. קאַהאַן, רעדאקטאר פון „פאָרווערטס“

מיין הערציקסטן גרוס און די בעסטע צוּאווינשונגען צו דער סאָציאַליסטישער הסתדרות פון פּאלעסטינע. דאָס וואָס איך האָב געזען אין פּאלעסטינע אף מיינע צוויי באזוכן און, הויפּטזעכליך, דאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער טעטיקייט, איינפלוס און אַטאָריטעט פון דעם הסתדרות, וועט אימער בלייבן צווישן די טייערסטע בילדער אין דעם אלבום פון מיין זכרון. א יאָר נאָך א יאָר גייט אוועק, אבער די וואונדערבאַרע איינדרוקן, וואָס איך האָב מיטגענומען מיט זיך פון מיינע באזוכן אין די עבט־סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס פון ארץ ישראל און אין די אנדערע אנשטאַלטן, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם פליגל פון דער הסתדרות רופן אימער ארויס א תענוג־ציטער אין מיין הארצן.

איך ווינש אייך, גענאָסן, דאָס בעסטע וואָס אונזער לעבן קען געבן. אייער אָרגאַניזאציע איז אן אמת העלדישע אָרגאַניזאציע. אייער וועג איז ניט אויסגעשפּרייט מיט בלומען. איר האָט א סך דערנער, א סך גרויסע געפאַרן געגן זיך. איר באַקעמפט זיי אבער מיט א וואונדערבארן מוט. און אלץ וואָס איך קען צוגעבן צו מיינע צוּאווינשונגען, איז אז דיזער מוט אייערער זאָל אַנהאלטן ווייטער און ווייטער.

מיט סאָציאַליסטישן גרוס

אב. קאַהאַן

באגריס׳נג פון הב׳ מערעמינסקי און מיי בער
פּראג, טשעכאָסלאָוואקיא.

ברכות און גליק־וואונשן צו אייער 9־טן צוזאמענפאר און צו אייער 10־טן קאמפּיין. זאָל אייער סך־הכל פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט און אייער באַנייטע אנשטרענגונג ווערן א אנטשיידנדער פאקטאָר אין אייער קאמף פאר עליה, און אין דער באפעסטיקונג פון ארבעטנדן ארץ־ישראל.

ישראל מעמערינסקי
מיי בער.

אידעאליזם און פּראקטישקייט פאראייניקט!

דער געווערקשאַפטן־קאמפּיין איז איינער פון די וויכטיקסטע זייַלן אין דעם שיינעם סאָציאליסטישן בנין, וואָס די הסתדרות בויט אין פּאלעסטינע. די געלט ווערט ניט באַנוצט פאר צייטוויי׳יקער הילף אָדער רעליף, נאָר פאר פּערמאַנענטע, פעסטע אינסטיטוציעס, אַרבעטער־אינסטיטוציעס. די אידישע ארבעטערשאפט אין פּאלעסטינע איז אָנערקענט אלס דער רוקן־ביין פון גאנצן אידישן ישוב. זיי גיבן דעם טאָן צו דער אויפבויאונג פון לאנד. און דאָס איז מעגלאך געוואָרן ביז א גרויסן גראד דורך דער גרויסער שטיצע, וואָס די פּאלעסטינער ארבעטערשאפט באַקומט פון דער אמעריקאנער ארבעטערשאפט. — דאָס הייסט דורך דעם געווערקשאפטן־קאמפּיין.

דערלויבט מיר דערפאר צו באגריסן די אלע, וואָס באַטייליקן זיך אין דעם קאמפּיין, מיט זייער צען־יאָריקן יובליי. די ארבעט איז אַ ריין־אידעאַליסטישע און א פּראקטישע. — אידעאַליזם און פּראקטישקייט פאראייניקט. איך וויל אויך האָפן, אַז די ארבעט וועט פאָרגעזעצט ווערן אין דעם זעלבן דערהאבענעם גייסט, אין וועלכן זי איז די אלע צען יאָר געפירט געוואָרן.

מיט געגאָסנשאפטלאכן גרוס,

הלל ראַגאָף.

צעוואָרפענע געדאַנקען

פון א. י. שיפּלאקאָף

צום צענטן יאָר פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט פאַר פּאַלעסטינע.

„ובחרת את הטוב
ומאסת את הרע."

אָט האָסטו דיר צוויי וועגן. קלייב זיך אויס וועלכן דו ווילסט. נאָר פונדעסטוועגן זיי א מענטש, קלייב אויס דעם גוטן און קער זיך אָפּ פון דעם שלעכטן.

וועלכער זשע איז דער גוטער? איבערפלעכלאך באַ דעם דורכשניטלאכן מענטשן, און אָפט אפילו באַ דעם וואָס איז געוואוינט צו דענקען, איז דער גוטער וועג דער קורצער וועג, סיי ווען ער זוכט אַ וועג פאר זיך און סיי פאר דעם כלל, מיט וועלכן זיין שיקזאַל איז פארבונדן.

דער קירצסטער וועג איז דער וועג פון אסימילאַציע. ער פירט אָבער צו פאַרניכטונג. אין דייטשלאַנד האָט ער געבראכט צו אַ לאַגע, וואָס איז, דוכט זיך, ערגער פון פארניכטונג.



דער וועג פון אונזער־ טאַטעס איז אינגאַנצן קיין וועג ניט. זיי זיינען גע־ שטאַנען אף איין אָרט. ד וועלט באַוועגט זיך אבער און ווער עס שטייט א איין אָרט געפינט, אז ד וועלט האָט זיך אפּגע־ רוקט.

מען מוז גיין פאָר־ ווערטס! מען קען ני גיין אליין. פריער אדע שפּעטער, מיט ווייניקע אימפּעט אדער מער אימ־ פּעט, קומט א טריי קראַפּט, אמאָל א גייסט קע, אמאָל אַן עקאָנאָמי־ שע, דאָס רוב ביידע צ צוזאמען, וואָס טרייבט צ זעלבסט - באַוואוסטזיי און לאָזט ניט רוען.

טאָ וואָס האָט געקענ זיין נאַטירלאכער ווי א הייסער באַגער צו האָבן א א ווינקל אף דער וועלט, צו וועלכן מען זאָל זיין צוגעבונדן?

ניינצן יאָר פון זינט די וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אין די ניינצן יאָר האָט זיך דער קאָרטן־שפּיל פון דער וועלט גוואַלדיק איבערגעטאַשט. גרויסע קעפּ זיינען געפאַלן, נידעריקע זיינען דערהויבן געוואָרן; קליינע פעלקער, וואָס האָבן שוין באַלד אויפגעהערט צו האָפן אף א קיום, זיינען ווי איבערנאַכט אויפגעריכט געוואָרן.

זיין אַן עדות פון די גוואַלדיקע ענדערונגען און ניט וועלן און ניט קענען זען פ א ר ז י ך קיין האָפענונג, — אָף דערויף דאַרף מען זיין עפּעס ערגער ווי אַ דאָגמאַטיקער.

די טענה איז: מיר זיינען אַפן וועג. מיר פאָרן דאָך סיי ווי צו דער וועלט־רעוואָלוציע. טאָ וואָצו זיך אָפּשטעלן אַפן וועג בויען אייגענע נעסטן? אי וואָס, ביז וואַנען וואָס וועט זיין, האָבן זיך אַלע איינגעאָרדנט און מיר זיינען נאָך אַלץ די בעט־ לער? נו, זאָגט דער לייקענער, די וועלט דאַרף דאָך האָבן בעט־ לער אויך. מען קען דאָך ניט אַרויסוואַרפן דעם וואָרט „בעטלער" פון לעקסיקאָן.

און ער איז טאַקע ביז גאָר אַ פייאיקער מענטש, אָט דער לייקענער. האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן מיט זיינע שאַרפע חשבונות. ער האָט מיר דעם קאָפּ פאַר־ טשמעלעט מיט זיינע קלוגע אַרגומענטן, אַז עס לוינט זיך ניט אָפּשטעלן אַפן וועג. אָט נאָכאַמאָל א טרייב טאָן דעם פערדל פ ר אָ ג ר ע ס, און די וועלט קומט אָן צו דעם גרויסן ציל, און מיר זיינען אַלע דאָרט צוזאמען, — ניטאָ קיין פריער, קיין שפּעטער, ניטאָ קיין יחסנים.

אַזוי שיין האָט ער געמאָלן דעם שפּעטער, אַז ניט ער און ניט איך האָב באַמערקט דעם דערווייל, דעם שווערן, האַרטן, שטעכיקן דערווייל, דעם ווער ווייס ווי לאַנגן דערווייל.

האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב אויסגעריבן די אויגן. איצט, דוכט זיך, איז די לאַגע קלאָר!

צוזאמען מיט אַלע האַלב־פאַרזאָרגטע פון דער וועלט האָב איך עפּעס געמיינשאַפטלאכס. איך שותּפ'ע זיך מיט די בעסטע מענטשן פון דער וועלט אין אַ גרויסן קאַמף צו ברענגען יענע גרויסע אויסלייזונג פאר דער גאנצער וועלט, אין וועלכער איך גלויב.

אין מיין אייגענעם לעבן איז דאָ נאָך א שטיקל סיבה. איך בין געבאָרן געוואָרן א איד. צוזאמען מיט נאָך זעכצן מיליאָן פון מיין מין מוז איך פאר זיך שאַפן נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענ־ דיקייט. ניט גיין פון הויף צו הויף. שאַפן אַ שטענדיקע קוואַר־ טיר, צענטראַליזירן מיינע כחות, טאַקע אום צו ווערן א בע־ סערער שותּף צו דער וועלט־פאַרבריידערונג.

און איך בין פאַרטיק צו עקספּלואַטירן דעם יושר־געפיל פון די בעסערע פעלקער, איך בין פאַרטיק אויסצונוצן דעם ענטוזיאַזם פון מיינע אייגענע יונגע און די ברכה פון מיינע אייגענע אַלטע. איך בין גרייט צו שפּעקולירן מיט די מעגלאַכקייטן, וואָס קענען פאָרקומען אין דער צוקונפט פאַר אונז, ווי זיי זיינען פאָר־ געקומען פאר אנדערע אין דעם עבר. אַלץ וועל איך נוצן און זיך האַלטן גרייט פאר א זעלבסטשטענדיקן לעבן.

שוין דער קאָלעקטיווער שטרעבן מאכט מיך און מיינע פאר לייטן מיט לייטן צו גלייך. איך פאָדער ניט פון מיינע אָדער פאר מיינע מער ווי פון אנדערע אָדער פאר אנדערע, אָבער עס מעג דאָך מיר פארדריסן ווען זיי ווערן פאַרלייקנט, עס מעג דאָך מיר פאַרדריסן ווען זיי פאַרלייקענען זיך אליין.

טראָץ אַלע בלוט־בלבולים, איז מיר בלוט פרעמדער ווי אַלע אנדערע. אפשר ניט ווייל מיר זיינען בעסער, אפשר בלויז דער־ פאַר, וואָס אַז מען צאַפּט פון דיר צוויי טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד, האָסטו ניט אנטוויקלט די פייאיקייט צו צאַפּן פון אנדערע. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, בלוט איז מיר פרעמד. איך וויל קיין טראָפּן ניט פארגיסן, אָבער איך פאָדער מען זאָל מיינע אויפ־ הערן פאַרגיסן. א י ך פ אָ ד ע ר, איך בעט ניט.

איך בעט אויך ניט קיין מקום מנוחה פאר מיר און פאר מיינע. א י ך פ אָ ד ע ר ע ס. עס קומט מיר. אויב עס קומט מיר ניט, קומט עס ניט קיינעם. אויב עס קומט אַלעמען, קומט עס מיר און מיינע.

דעם לייקענער'ס וועג איז דער קורצער וועג, דעם גלויביקנ'ס — דער לאַנגער אָבער דער קורצער וועג פירט ניט צום ענד־ ציל. געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס ווילן גיין אַפן לאַנגען וועג.

א טייל פון דעם אמסטערדאמער טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל, דאס הייסט, אז זיי זיינען א טייל פון דער אלוועלטלאכער ארבעטער באוועגונג.

אין דעם בריוו בעטן זיי, אז די אידישע ארבעטערשאפט פון אמעריקע זאל צושיקן א דעלעגאציע צו זיי, וועלכע זאל זיך אפן ארט באקענען מיט זייערע אויפטואונגען, מיט זייערע שטאטישע און לאנדווירטשאפטלאכע קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען, כדי נאכדעם ווי די דעלעגאציע וועט באקאנט מאכן די אמעריקאנער אידישע ארבעטער מיט אלץ וואס זי האט אויסגעפונען, זאלן די אמעריקאנער אידישע ארבעטער זעען וואס זיי קענען טאן צו פארגרעסערן די מעגלאכקייטן פון אן ארבעטער איינוואנדערונג אין לאנד.

דאס שיקן פון א דעלעגאציע האט ניט געפונען קיין איינשטימיקייט אין דער באוועגונג. עס זיינען אנגעגעבן געווארן א סך גרינדע, מיט וועלכע מיר ווילן דא ניט פארנעמען קיין צייט. אבער איבעראל האט מען אונז פארזיכערט, אז מען איז פארטיק צו העלפן די ארבעטער פון פאלעסטינע. אט אף דעם דאזיקן סמך האבן מיר, די אידישע ארבעטער־פירער, אנגעהויבן דעם קאמפיין, פאר וועלכן מיר האבן געגעבן אונזער ווארט צו מאכן אים פאר דעם גרעסטן דערפאלג.

דארום האבן מיר זיך דאס היינט דא פארזאמלט צו עפענען דעם קאמפיין פאר הונדערט און פופציק טויזנט דאלאר פאר די אידישע ארבעטער פון פאלעסטינע.

ווער זיינען דאס די ארבעטער פון פאלעסטינע?

זיי זיינען רעקרוטירט געווארן פון דער בליענדער יוגנט, וועלכע, באזעלט מיט אידעאלן, באגייסטערט מיט א הייליקער, כמעט א מיסטישער ליבע צו זייער אומגליקלאכן פאלק, האבן זיך אוועקגעלאזן קיין ארץ ישראל, טראגנדיק אין זייערע הערצער א גרויסע און ליכטיקע האפנונג, אז זיי גייען צוגרייטן א היים פאר זייערע שוועסטער און ברידער, וועלכע האבן זיך געטרונקען אין בלוט און אין טרערן און וועלכע קיין אומגליק, קיין קאטאסטראפע איז ניט פארבייגעגאנגען.

די דאזיקע קינדער פון אידישן פאלק, א סך פון זיי וועלכע האבן אין זייער גאנצן לעבן קיין עקאנאמישע נויט ניט געפילט, אנקומענדיק אין א לאנד וועגן וועלכן זיי האבן אזוי געטרוימט, וועלכע די ביבל באשרייבט אזוי שיין, האבן זיך געמוזט באגעגענען מיט דער הארטער, גרויזאמער ווירקלאכקייט. זיי האבן זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט. זיי האבן געבראכן שטיינער מיט די פרימיטיווע געצייג, זיי האבן געגראבן א לאנג־פארנאכלעסיקטן באדן, האבן זיך געברענט אונטער דער מזרח־זון, אפטמאל אן וואסער צו שטילן זייער דארשט, א סך מאל ניט האבנדיק גענוג ברויט אויפצוהאלטן זייערע כחות. דערצו נאך האט דער פיבער־מלאך־המות און די אנפאלן פון די אראבער געשטעלט אין שטענדיקער סכנה זייערע לעבנס. ניט אכטנדיק אף דעם אלעם, האבן זיי מיט דער גרעסטער עקשנות פארטגעזעצט זייער ארבעט און האבן זיך פערמאנענט באזעצט אין לאנד.

זיי האבן אויפגעבויט אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ניט נאר א כבוד פאר זיי, נאר פאר די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט. זייער טרייד־יוניאן באוועגונג, זייערע פראדוציר־ און קאנסום־קאאפעראטיוון טראגן אף זיך דעם שטעמפל פון אמת׳ער ארבעטער־אחדות און קלאסנקאמף. דאס האט בייגעטראגן דערצו, אז מיר זאלן זיי אנערקענען און באטראכטן אלס אונזערע אייגענע ברידער.

זיי מאכן דארט די גרעסטע אנשטרענגונגען אויסצוברייטערן זייער ארבעט, ניט נאר צוליב דעם אליין, אז זיי און זייערע קינדער זאלן קאנען לעבן, נאר זיי מאכן פלאץ פאר נייע אידישע אימיגראנטן, ווייל זיי ווייסן, אז וואס גרעסער די אידישע באפעלקערונג אין פאלעסטינע, אלץ מער וועט זיך דאס לאנד אנטוויקלען און אלץ לייכטער וועט עס ווערן פאר אלע איינוואוינער פון לאנד. דערפאר טוען די ארבעטער פון פאלעסטינע פאר די נייע אריבערגעקומענע וואס עס איז נאר אין זייערע כחות. זיי טיילן זיך מיט דער ארבעט. זיי ברעכן בוכשטעבלאך אפ א ביסן פון זייער ברויט און גיבן עס צו די אויסגעמאטערטע אריינקומענדיקע אידן.

צוליב דער טרויעריקער לאגע אין אייראפע, צוליב דעם וואס זיי קאנען אזוי ווייניק פראדוקטן ארויספירן פון א״י אין אנדערע לענדער, צוליב פיל אנדערע שווערע עקאנאמישע באדינגונגען לעבן זיי דארטן איבער א קריזיס און מיר מוזן זיי העלפן דעם קריזיס איבערטראגן. מיר מוזן העלפן אויפהאלטן זייערע אינסטיטוציעס און מעגלאך מאכן אריינצוברענגען אין לאנד וואס מער פון יענע טויזנטער ארבעט־זוכנדיקע, וועלכע וואלגערן זיך איצט אין כמעט אלע לענדער פון מזרח־אייראפע און האבן ניט קיין האפנונג צו דערשלאגן זיך צו א רואיקן ווינקל.

לאמיר דאס ניט צוזאמענמישן מיט דער הילף־ארבעט, וואס מיר, די אידישע ארבעטער פון אמעריקע, האבן, דורך דער פיפלס רעליף, געטאן פאר די ארבעטער אין אלע לענדער. ווען עס זיינען געקומען אהער פארטרעטער פון ארבעטער־אנשטאלטן אין ווארשע אדער טשערנאוויץ, האבן מיר דאך זיי ניט געשיקט צו דעם פיפלס רעליף, נאר מיר האבן נאך דורכגעפירט ספעציעלע דרייווס פאר יענע אינסטיטוציעס. אין פאלעסטינע זיינען אזעלכע אינסיטואציעס נאך וויכטיקער ווי אין אלע אנדערע לענדער. פאלעסטינע איז דאך די איינציקע לאנד, וואס קאן אנווייזן אף אזא באדייטנדיקער איינוואנדערונג פון נייע אידישע ארבעט־זוכער. אונזער קאמפיין גייט דאך ניט כדי צו שיקן א נדבה די אידישע ארבעטער וואס געפינען זיך שוין דארטן. מיר באצוועקן דאך צוזאמען מיט זיי העלפן טויזנטער נייע אידן אריינברענגען אין לאנד. עס איז דעריבער אן אומרעכט איבערצוציילן וויפיל אידן עס געפינען זיך אין פאלעסטינע און טיילן זיי גראשנדיקע „שיטערע זופ" הילף, פאר יעדן איינעם א טעלער זופ.

פאראן צווישן אונז אזעלכע, וועלכע האבן מורא טאמער וועט אונזער קאמפיין געבן קוראזש די ציוניסטן. זיי האבן נאך אלץ מורא, אז די אידן מאכן א שלעכטן „בארגיין" מיט ציון. איך פרעג, ווארום זאל איך זיך מער שרעקן דערפאר ווי ראמזי מעקדאנאלד, ווי סנאודען, ווי וועדזשוואוד און די אנדערע? אויב זיי האבן דערפאר קיין מורא ניט, ווארום זאל איך זיך שרעקן?

ניין, די אידישע ארבעטער פון אמעריקע וועלן זיך ניט אפשרעקן פאר אזעלכע טענות! די אידישע ארבעטער פון אמעריקע וועלכע האבן זיך אזוי אויסגעצייכנט מיט זייערע טאטן העלפנדיק אלע גרויסע ארבעטער און געזעלשאפטלאכע אונטערנעמונגען, וועלן אין דעם דאזיקן קאמפיין ארויסווייזן נאך מער ווילן, אינטערעס און ענערגיע, האבנדיק שטענדיק אין גדאנק, אז דאס געלט וואס זיי גיבן וועט ברענגען דעם גרעסטן נוצן, ווייל פאר דעם געלט וועט מען קויפן געצייג און בויען אנשטאלטן, וואס וועלן פארלייכטערן און פארשענערן דאס לעבן פון די ארבעטער אין פאלעסטינע גופא און זיי אויך געבן די מעגלאכקייט צו מאכן פלאץ און שאפן ארבעט פאר נייע אנקומענדיקע אימיגראנטן.

אלץ וואס מיר האבן גוטעס, אלץ וואס מיר פארמאגן מוטיקעס, אלץ וואס מיר האבן ענערגישעס אין אונזער באוועגונג וועט זיך אריינוואפרן אין דעם דאזיקן קאמפיין.

וואס אנבאלאנגט וועגן מיר אליין, ווען עס איז צוגעטיילט געווארן דער כבוד צו זיין טשערמאן פון דעם דאזיקן קאמפיין, הויב איך אויף דא מיין האנט פאר אייך, שוועסטער און ברידער און שווער, אז יעדער טראפן ענערגיע וואס איז אין מיר געבליבן נאך מיין פינף־און־דרייסיק יאריקער טעטיקייט אין דער ארבעטער־באוועגונג, און אזעלכע טראפנס פארמאג איך גאנצע מיליארדן, יעדע פרייע מינוט וואס מיר וועט בלייבן, יעדן ברעקל איינפלוס וואס איך האב, וועט אלץ געווידמעט ווערן צו דעם דאזיקן קאמפיין פאר מיינע שוועסטער און ברידער פון ארץ ישראל.



מאַקס פּיין

1866
1928

דער ערשטער רוף!

די רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון מאַקס פּיין באַ דער
דערעפענונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, דעם 14טן
פעברואַר, 1924, אין קופּער יוניאָן.

דער מיטינג איז גוואַלדיק וויכטיק, ווייל הײַנט באַנאַכט עפענען מיר דאָ דעם קאַמפּיין פאַר די אידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, און מיר וועלן ניט רוען ביז מיר וועלן ניט קומען צו אַ דערפאָלגרייכן רעזולטאַט.

און ווייל דער קאַמפּיין וועט זיין אַ נאַציאָנאַלער, איז זייער וויכטיק, אַז דער איינדרוק און איינפלוס פון דעם דאָזיקן מיטינג זאָל פאַנאַנדערגעטראָגן ווערן ווייט און ברייט אין יעדן ווינקל, אין יעדן שאָפּ און אין יעדן קוואַרטאַל וואו עס וואוינען אידישע אַרבעטער, כדי מיר זאָלן זיי געווינען פאַר דער גרויסער זאַך, וואָס מיר האָבן אונטערנומען.

דיזער מיטינג איז נאָך וויכטיקער צוליב דער גרויסער היסטאָרישער פּאַסירונג, ווייל דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַרבעטער פאַרזאַמלען זיך צו צעברעכן אַ געטשקע, צו פאַרניכטן אַ דאָגמע און אַרונטערנעמען אַ חרם פון אַ טייל פון זייערע שוועסטער און ברידער, וועלכע דער שיקזאַל האָט פאַרוואָרפן אין נאָענטן מזרח.

איך בין נאָך ניט פאַרטיק; איך וויל נאָך צוגעבן, אַז דער דאָזיקער מיטינג איז העכסט וויכטיק צוליב דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש וואָס די אַרבעטער פון פּאַלעסטינע וועלן קריגן, ווייל דער דאָזיקער מיטינג איז דער ערשטער, וואָס וועט זיי געבן די אָנערקענונג פון די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע.

וואָס האָט אַרויסגערופן דעם דאָזיקן קאַמפּיין און דעם דאָזיקן גרויסן אינטערעס צו די אַרבעטער פון פּאַלעסטינע?

מיט עטלאַכע מאָנאַטן צוריק האָבן די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע צוגעשיקט אַ בריוו צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו יאָרק, אין וועלכן זיי שרייבן פאָלגענדעס:

„זייט 18 יאָר עקזיסטירט אין פּאַלעסטינע אַ אידישע אַרבעטער באַוועגונג. זי איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דורך דער אידישער איינוואַנדערונג, וואָס גייט אָן שוין צענדליקער יאָרן און וואָס האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט נאָך דער מלחמה, טראָץ אַלע שטערונגען. פון 1919 ביז 1923 האָבן איינגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע פינף און דרייסיק טויזנט אידן."

אין בריוו שרייבן זיי וועגן די גוואַלדיקע שוועריקייטן, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען צופּאַסנדיק זיך צו דער אַרבעט אין דער אגריקולטורעל און אינדוסטריעל צוריקגעשטאַנענעם לאַנד, וואו זיי איז אויך אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט די שוועריקייטן פון אַ קאָנקורענץ, מיט אומבאַוואוסטזיניקע און ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

ווייטער דערציילן זיי, אַז צו דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע באַלאַנגען מענשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און פּאַרטייען, און אַזעלכע וואָס געהערן גאָר צו קיין פּאַרטיי ניט. זיי האָבן דאָרטן אויפגעבויט זייערע אינדוסטריעלע, קולטורעלע און אַגריקולטורעלע אינסטיטוציעס אויף גאָר אַ מאָדערנעם אופן, און אַז אין אַרבעטער סאָלידאַריטעט שטייען זיי אפילו העכער פון אונז דאָ אין אַמעריקע, ווייל זייער אָרגאַניזאַציע איז

די פארטיי פועלי ציון אין אמעריקא האט געהאט איר פאלעסטינע ארבעטער פאנד, וועלכער האט געשטיצט די אונטערנעמונגען פון די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל. מיט דעם וואוקס פון דער הסתדרות איז געווארן קלאר, אז די דערגרייכונגען פון דעם פ. א. פ. זיינען צו קנאפ, און אין דעצעמבער 1923 איז אונטער דער פירערשאפט פון דעם פארשטארבענעם ארבעטער פירער מאקס פיין געגרינדעט געווארן דער „געווערקשאפטן קאמפיין פאר די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל": מיטלען און פאנדן פאר די אידישע ארבעטער צוועקן אין ארץ־ישראל זאלן געשאפן ווערן נים דורך די איינגע קרייזן פון דער פארטיי, נאר דורך דער גאנצער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע!

פאר די צען יאר פון דעם געווערקשאפטן קאמפיין איז געשאפן געווארן איבער א מיליאן דאלאר,—א סומע, וועלכע האט פיל געהאלפן דער הסתדרות אין אלע אירע אונטערנעמונגען און געשטארקט אירע הענט, אבער איז דאך א קליינע סומע אין פארגלייך מיט די אויפגאבן פון דער הסתדרות.

די אויפגאבן זיינען געוואקסן, די נויטן זיינען גרעסער געווארן. די איינוואנדערונג וואקסט און שטייגט, די נייע פראלעטאריער מאסן מוזן באזארגט ווערן מיט ארבעט און מיט היימען, מוזן איינגעארדנט ווערן אין דעם ארגאניזאציע־לעבן פון דער הסתדרות. געלט, געלט, געלט... די הסתדרות האט דעם ווילן, די ליבע, די ארגאניזאציע, דעם מוט. מיר דא דארפן זי אונטערשטיצן מיט פארשטארקטער אנשטרייגונג צו שאפן וואס מער מיטלען. דאס איז אונזער חלק אין די וואונדערבארע אויפטואונגען פון דער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל.

און איצט אי זצוגעקומען נאך א גרונד, נאך א וויכטיקע אורזאך וואס איז אונז מתחייב צו פארשטארקערן אונזער ארבעט, צו פארפילפאכן אונזערע ענערגיען, צו פארגרעסערן אונזערע רעזולטאטן.

דעם 16־טן יוני איז געפאלן פון א פארעטער־האנט דר. חיים ארלאזאראוו, איינער פון די גלענצנדסטע און געטרייסטע פירער פון דער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל. מיר גערדיינקען אים אלע גוט פון דער קורצער צייט, וואס ער האט פארבראכט דא מיט אונז. א ליכטיקער אנדיינק פון א פראכטפולן מענטש און אומדערמידלאכן קעמפער פאר אן ארבעטער ארץ ישראל. די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל האבן באשלאסן צו פאראייביקן זיין נאמען דורך דער גרינדונג פון א קאלאניע, אין וועלכער זיי וועלן באזעצן עטלאכע הונדערט משפחות. זיי זאמלען א פאנד, און די גרויסע סומע, וועלכע זיי האבן שוין צוזאמענגענומען, צייגט, ווי שטארק זייער ליבע איז געוועזן צום פארברעכעריש־דערמארדעטן פירער און ווי גרויס זייער אפפערווויליקייט איז. מיר דא טארן פון זיי נים אפשטיין. דער „מפעל ארלאזאראוו"—דער ארלאזאראוו־אויפטו דארף ארויסרופן אונזער באגייסטערונג, ווי ער איז געווארן די באגייסטערונג פון די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל.

מיר זאלן ארייגפלעכטן אויך אונזער נאמען אין דעם אייביקן מאנומענט פאר אונזער טרייען—יונג געפאלענעם חבר.

די ניינטע קאנווענשאן פון דעם געווערקשאפטן קאמפיין וועט אונטערפירן דעם סך הכל פון דעם, וואס עס איז אויפגעטאן געווארן פאר די צען יאר, נים אום אפצושליסן די ארבעט, נאר אום פארטצוזעצן זי מיט מער ענערגיע, מיט גרעסערן ענטוזיאזם. ווייל די אויפגאבן זיינען אנגעוואקסן, ווייל די נויטן זיינען גרעסער געווארן און ווייל מיט יעדן יאר איז אלץ קלערער געווארן, ווי דאס פאלק קאן געבויט און אויסגעלייזט ווערן אף די יסודות פון באפרייענדיקער ארבעט, ווען עס זאלן נאר זיין די נייטיקע מיטלען.

מיר זיינען שותפים פון דער הסתדרות. מיט איר וואוקס וואקסט אונזער קאמפיין. מיט אירע פארגרעסערטע אויפגאבן ווערן פארגרעסערט אונזערע אויפגאבן, מיט איר שטייגענדיקער ענערגיע שטייגט אויך אן אונזער ענערגיע. דעם פלאן, וועלכן מיר האבן אנגעהויבן צו פארנעמען אין די דערגרייכונגען פון דער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל, וועט אונזער ניינטע קאנווענשאן באפעסטיקן מיט ווייטער בויענדיקע מעשים.

צו א באנייטער ארבעט חברים און פריינט! צו גרעסערע דערפאלגן אין דעם קומענדן געווערקשאפטן קאמפיין.

מיט ברידערלאכן גרוס

נאציאנאלער ארבעטער קאמיטעט
פאר די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל.

מיר זיינען שותפים

מיט דרייצן יאָר צוריק, אין דעצעמבער 1920, איז אין חיפה געגרינדעט געוואָרן די פאראייניקונג פון אלע אָרגאַניזירטע אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל — די הסתדרות. ארום פיר און א האלב טויזנט ארבעטער, צו טיילט און צוריסן אַף פארשיידענע פארטייען, זיינען צוגעקומען צום באשלוס, אז זיי דארפן זיין פאראייניקט. שווערע קאמף־יאָרן האָבן זיי דערפירט דערצו. קאמף־יאָרן, וועלכע האָבן ארויפגעצוואונגען אַף זיי דאס באוואוסט־זיין, אז אין דער ארבעט ליגט די גאולה פון פאָלק און לאנד און אז געאייניקט וועלן די ארבעטער זיין דער גרעסטער אויפבוי־כח. דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין איז געוואָרן די גרעסטע טרייבקראַפט אין דער אָרגאַניזאציע פון די אידישע ארבעטער, מיט דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין איז זי געוואַקסן און גרויס און שטארק געוואָרן.

אין דעם יאָר פון דער פאראייניקונג האָבן די אָרגאַניזירטע אידישע ארבעטער אויסגעמאכט ארום זיבן פראָצענט פון דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע האָט אָנגעציילט 65 טויזנט נפשות. איצטער איז די אידישע באפעלקערונג מער ווי פארדרייפאכט געוואָרן, און די הסתדרות־מיטגלידער זיינען ארום 20 פראָצענט פון איר.

אָבער ניט אין צאָלן אליין ליגט איר כח און באדייטונג. זי איז אויך פּאָליטיש־עקאָנאָמיש און גייסטיק גע־וואָרן דער גרעסטער אויפבוי־כח אין דער גאולה־באוועגונג פון אידישן פאָלק. ווייל זי האָט געקעמפט פאר אידי־שע ארבעט, האָט זי מעגלאך געמאכט די אימיגראציע פון אידישע פראָלעטארישע מאסן נאָך ארץ ישראל. זי איז די איינציקע ארבעטער אָרגאַניזאציע אין דער וועלט, וועלכע פאָדערט א גרויסע אימיגראציע פון ארבעטער־מאסן און קעמפט פאר איר.

די אָפּשטעלונג פון דער אידישער אימיגראציע אין ארץ ישראל וועט זיין דער באנקראָט פון דער צוריקקער־אידייע. אויב ארץ ישראל זאָל צוריק ווערן דאס לאנד פון דעם אידישן פאָלק, אן ארץ ישראל, מוז זי האָבן פרייע איינוואנדערונג. קעמפנדיק פאר פרייער אימיגראַציע, טוט די הסתדרות א פאָלקס־זאַך. אָרגאַניזירנדיק די ארבעט און שאפנדיק ארבעטס־מעגלאַכקייטן פאר אלין גרעסערע צאָלן פון אידישע ארבעטער, וועלכע דארפן נאָך אנקומען אין לאנד. בויט זי דאָס פאָלק.

אבער אין דער אייגענער צייט פארגעסט זי ניט איר קלאסנכאראקטער און פירט אן דעם קלאסנקאמף. ניט בלויז ארבעט זאָלן האָבן די אידישע ארבעטער, נאָר ארבעט אַף אויסגעקעמפטע בעסערע באדינגונגען פון א קירצערן ארבעטס־טאָג און העכערע שכירות. זי באגריסט די איינוואנדערונג פון קאפיטאל אין לאנד, באגרייפט זיין באדייטונג פאר דעם אויפבוי פון דעם לאנד, אבער זי וועט אים די בכורה פון דער ארבעטערשאפט ניט פארקויפן. דער אידישער קאַפיטאל, וואָס קומט העלפן בויען ארץ ישראל, קאָן עס ניט טאָן אַף דעם חשבון פון די אידישע ארבעטער. און זי באהאלט ניט פון אים, אז איר ענדציל איז דער סאָציאליזם, אז איר הויפט־שטרעבונג איז אויפצובויען די אלטע היים פאר דעם אלטן פאָלק אַף נייע סאָציאליסטישע יסודות, אין צענדליקער ארבעטער־קבוצות ווערט שוין איינגעפירט א סאָציאליסטיש צוזאמענלעבן, וואָס דארף ווערן א מוסטער: אזוי זאָלסטו, אידיש פאָלק, לעבן! דערצו פירט דיך דיין אינערסט וועזן, דער טויזנט־יאָריקער גאנג פון דיין עטיק.

און א מוסטער איז געוואָרן יעדע איינצלנע אונטערנעמונג אירע פאר די אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל. א מוסטער אירע קאָאָפּעראטיוון: תנובה, וואָס פארשפרייט אין לאנד די פראָדוקטן פון די אידישע ארבעטער־דערפער, המשביר, וואָס קויפט אויף פאר די ארבעטער זייערע לעבנס־נויטיקייטן. א מוסטער די ארבעטער־היימען, שפיטאָלן און סאניטאריומס, א מוסטער די קינדערהיימען און פרויען־ווירטשאפטן, די שולן און ביבליאָטעקן, א מוסטער די פינאנץ־ און קרעדיט אנשטאלטן... אין אלין, צו וואָס זי האָט זיך גענומען, ליגט גרינדלאכקייט און געוויסנהאפטיקייט, ווייל צו אלין, וואָס זי נעמט פאָר, ברייננגט זי ליבע און איבערגעבנהייט און באַוואוסטזיין פון פאראנטוואָרטלאכקייט.

אבער די אלע זאכן וואָלט זי ניט געקאָנט שאפן מיט דעם גוטן ווילן אליין, כאָטש איר גוטער ווילן האָט באמת וואונדער אויפגעטאָן. זי האָט געדארפט האָבן מיטלען, פאָנדן... פון וואנען זאָלן זיי קומען? ווער זאָל שאפן די מיטלען פאר ארבעטער־צוועקן, פאר ארבעטער־ אידעאלן?

ארץ ישראל סאָוועניר בוך

מיר זיינען שותפים! — עדיטאָריעל

דער ערשטער רוף!

רעדע געהאַלטן פון מאקס פיין בא
דער דערעפענונג פון ערשטן קאמפיין

צואוואָרפענע געדאנקען —
אברהם שיפּלאקאָף

באגריסונגען:

אב. קאהן — הלל ראָגאָף

ברוך צוקערמאַן-
ישראל מעמערינסקי דר. מעי בער

מאָרים פיינסטאָן, סעקרעטאר פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן

אנשעל רייס, סעקרעטאר וועלטראט-פּועלי ציון - צעירי-ציון

מאיר בראון — ל. סיגעל,
סעקרעטאר א. נ. א. פּ.

דוד ווערטהיים, סעק. פעראייניקטע פּאר-טיי פּועלי ציון - צעירי ציון

דוד דובינסקי, פּרעזידענט אינט. ליידים גארמענט וואָרקערס יוניאָן

10 יאָר געווערקשאַפטן קאמפּיין —
א. העמלין

אונזער אומפארגעסלאכער ארלאזא-ראָוו — בערל קאצענעלסאָן

א אייביקער מאָנומענט — שלום אש

דער געווערקשאַפטן קאמפּיין און דער מפעל ארלאזאראָוו

באשלוס פון ועד הפּועל פון דער הסתדרות

13 יאָר הסתדרות — ש. גראָדזענסקי

אמעריקא און ארץ ישראל —
דר. דוד רובעלסקי

כנוס הפּועל-דום — ה. עהרנרייך

3 יובילעאומס — מאיר קאסטאָף

דער געווערקשאַפטן קאמפּיין אלס קול-טור פאקטאָר — פּנחס קרוזאָ

באגריסונגען — פיאָנערן פרויען אָרגאָני-זאציע, ש. באָנטשעק, א. ווייננארדען

באריכטן פון איבערן לאנד

באגריסונגען און ברכות פון גאנצן לאנד

פינאנציעלער באריכט פאר די 10 יאָר

ענגלישע אָפּטיילונג

פּראָגראַם

פון 9טן יערלאכן צוזאַמענפאָר פאר דאָס ארבעטנדע ארץ ישראל

אָפּגעהאלטן אין ניו יאָרק

פרייטיק אָוונט, שבת און זונטיק,

דעם 1טן, 2טן און 3טן דעצעמבער

אין פענסילווייניא האָטעל, ניו יאָרק.

פייערלאכע דערעפנונג זיצונג פרייטיק אָוונט:

א) דערווײלונג פון פּרעזידיום.
ב) באגריסונגען פון צענטראלע ארבעטער קערפּער-שאפטן.
ג) איבערבליק פון די פארגאנגענע 10 יאָר טעטיקייט.

צווייטע זיצונג שבת נאָכמיטאג פונקט 2 אזייגער:

א) באריכט פון קרעדענשעל קאָמיטע.
ב) „דער איצטיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מצב אין ארץ ישראל" —

רעפעראַט פון חבר יוסף שפּרינצאק, פארטרעטער פון דער הסתדרות אין דער דעלעגאציע פאר'ן יאָר 1933-34.

שבת אָוונט, 8 אזייגער, 10 יאָריקער יובל-פייערונג פון געווערקשאַפטן קאמפּיין

אין טאַון האָל.

באגריסונגען פון הסתדרות פארטרעטער, די חברים און פריינט אב. קאַהאַן, חיים גרינבערג, דוד פינסקי, אנשעל רייס, פארטרעטער פון וועלט-ראַט פּועלי ציון-צעירי ציון א. העמלין און אנדערע.

אין קאָנצערט פּראָגראם:

עמאַ לאַזאראָוו-שייווער, בן-צבי באַראַטאָוו, נחום צמח און יאשע פישבערג.

דריטע זיצונג, זונטיק נאָכמיטאג:

א) אָרגאַניזאציע פון קאמפּיין און ליגעס פארן ארבעטנדן ארץ ישראל.
ב) קאמפּיין קוואָטאָ פארן יאָר 1933-34.
ג) אלגעמיינע רעזאָלוציעס.
ד) וואַלן פאר באַאמטע און נאַציאָנאלן קאָמיטעט.
ה) שלום פון צוזאמענפאָר.

ארץ-ישראל סואווענير-בוך

1923
1933

צען יאָריקער יובל

ניו יאָרק,
דעצעמבער, 1933

זאָלן געבענטשט זיין די אלע, וואָס האָבן אָפּ זיך גענומען די שווערסטע לאַסט. — גליקלאך זייבען זיי, ווען די געשיכטע האָט אויסדערוויילט צו ארויפלייגן אָפּ זיי איר יאָך.—זאָלן זיי אים טראָגן שטיל און געדולדיק, זאָלן זיי ניט דערוואַרטן קיין לוין, — ווייל לוין איז אין זיי, און זייער ווערק איז פאַר זיי — זיי לייזן דאָך אוים זייער אייגענע נשמה.

ח. נ. ביאליק

מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן ארבעטער קאָמיטעט

ערוויילט בא דער לעצטער קאָנוועגשאָן אין ניו יאָרק

נאציאָנאלער טשערמאַן: אב. שיפּלאקאָף

וויס־טשערמאַן: מאָריס פיינסטאון

טשערמאַן אדמ קאָמיטעט: יוסף שלאָסבערג

נאציאָנאלער טרעזשורער: מאקס זאריצקי

נאציאָנאלער סעקרעטאר: אייזיק העמלין

דר. י. אפּלעבוים
נ. אײבראַמסאָן
צ. א. אריאל
י. באקסענבוים
י. בערקענבליט
ש. בורשטיין
א. באַראָן
א. בלום
לאה ביסקין
ש. באָרדען
ש. באָנטשעק
ב. באָטווינניק
מאיר ל. בראָון
פּ. בראנד
א. באָימאן
אב. קאהאן
טשארלס קאָווען
פּ. קרוזא
מ. כהן
מ. קאָנאָוואל
ס. דינגאָל
מאקס אוירל
ה. ערענרייך
מ. איווענסקי
יואל ענטין
חיים פיינמאַן
ש. פינקעל
פּ. גינגאָלד
דר. ס. גינזבורג
י. ה. גאָלדבערג

י. גאָלדשטיין
ש. גאָלדשטיין
חיים גרינבערג
ר. גוסקין
ל. גיטלין
ט. גלעס
א. גרינהויז
וו. גרשון
מאקס גאָלדבערג
ש. גורעוויטש
וו. געלבארד
ה. גילדין
לייב גלאַנץ
א. דזשאָזעפסאָן
מ. הלוי
אב. העמלין
א. הויפטמאן
ה. הערינגמאן
א. הערשקאָוויטש
ש. הערשקאָוויטש
י. העסטרין
סידני הילמאן
דזשוליוס האָכמאַן
מ. הדס
דר. וו. האָלצמאַן
ז. הענקין
פּ. הורוויץ
אלעקסאנדער קאהן
מ. קאָסטאָף
דר. א. קאָראלניק
דר. מ. ע. קאליש

פּ. קאָטלער
י. קאָראלסקי
י. קאַץ
דר. מ. קאָמענעץ
א. ליעסין
ה. לאַנג
ב. לעוויצקי
ה. ליבערמאַן
אירמא לינדהיים
י. לאפּסאן
גאָלדע מייערסאָן
דר. א. מרגלית
יעקב מארינאָף
אב. מילער
מ. מכתם
מ. מאשעוויצקי
ל. מייער
ע. נעלסאָן
י. פּאלעווסקי
דוד פינסקי
י. פּאָטאָפּסקי
ש. פּאָלאקאָף
י. פלאמיאק
מ. פּערלמאַן
פּ. פּאָטאש
ר. פלאטראט
דר. נ. ראטנאָף
א. רעוואוצקי
י. ראָבערטס
ה. ראָגאָף
אלעקס ראז

דר. מ. ראזאָף
ל. רובינשטיין
נ. ראבינאָוויטש
ש. פּ. שיינפעלד
א. שפּירער
ש. סיגעל
ל. סיגאל
א. סאסנע
א. סאלאוויאָף
אסקאר סטערמאַן
ה. סמעלאנסקי
דר. ה. זיידעל
ה. זעלצער
ר. סטאר
מ. שטיפּטעל
הנה שלאָסבערג
ס. סטיין
ז. טיגעל
מ. טוביאש
ח. טאקאלסקי
ה. וואנדער
א. וויינבערג
ק. וויטמאן
א. וויינגארטען
ד. ווערטהיים
י. וואטענבערג
ש. ווילענסקי
חיים ווינטרויב
ד. יעלים
י. זאר
מ. זעפּלאָוויטש

 Oriom Press, Inc., 42 West 18th St., N. Y. C.

ארץ ישראל
סאוועניר־בוך

UNIVERSITY
1837
OF LOUISVILLE

לכבוד
דעם

צען יאָריקן יובילעאום
פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין
און ניינטע נאַציאָנאַלע
אַרבעטער קאָנווענשאָן
פאַר ארץ ישראל

אָפּגעהאַלטן אין ניו-יאָרק

דעצעמבער 1-2 און 3 טן

1933